אברהם סוצקעווער
Abraham Sutzkever

# דאָרטן וווּ עס נעכטיקן די שטערן

## לופּוס

### א

זיבן מאָל פֿאַרדרייט און פֿאַרשלאָסן די געהאַמערטע קופּערנע טיר, האָב איך דעם קונציקן שליסל מיט אײַנגעזעגטע שלאַנגישע צײנדלעך אוצרדיק באַהאַלטן אויפֿן סאַמע האַרצקלאַפּ: אין קעשענקע פֿון אונטערשלאַק אין מײַן רויטער סאַמעטענער קאַמיזעלקע.

אַזאַ חכמה איז ווערט אַ מעדאַל: פֿון וועמען באַהאַלט איך דעם שליסל? אויב דער גנבֿ איז אין דרויסן, קאָן ער דאָך דעם שליסל ניט אַרויסציִען פֿון אינעווייניק, און אויב דער גנבֿ איז אינעווייניק — נאָכסאָל באַהאַלט איך דעם שליסל אין פּיצל קעשענקע?

און כאָטש איך וווין אויפֿן העכסטן גאָרן פֿונעם העכסטן טויער אין דער שטאָט און מער און אָפּטער ווי מענטשן זענען די געסט מײַנע — דורכן איינציקן פֿענצטער — פמליות אָנגעטרונקענע וואָלקנס, ווי די הייסלײַביקע בילדער פֿון רובענס, און אַ לייטער צום פֿענצטער איז גאָר אין שטאָט ניט בנימצא, אַפֿילו ניט בײַ די פֿײַערדיקע פֿײַער-לעשערס, פֿון דעסטוועגן, לשם אַרציזיבערקייט און אויס מורא פֿאַר אַ בייז קאָסמיש אויג, האָב איך פֿאַרמאַכט די אינעווייניקסטע לאָדנס און איבער זיי אומברחמנותדיק אַראָפּגעקײַקלט בראָקאַטענע פֿאָר-טיערן.

און אַלץ דערפֿאַר אַז גאָרנישט ניט און קיינער זאָל מיך ניט שטערן אין מײַנע כעמישע און איבערכעמישע עקספּערימענטן צו פֿאַר-וואַנדלען אַ פֿאַריתומטן שאָטן אין זײַן געוועזענעם לעבעדיקן בעל-הבית.

### ב

דאָס צעקאַרבעטע און געשײַערטע לעמפּל וואָס כ'האָב אײַנגע-האַנדלט פֿאַר אַ שיבוש אויפֿן בליענדיקן פֿליימאַרק אין אַלט-יפֿו און זײַן געטראַנק איז דער אַלטהיימישער קעראָסין, אַ ריח און אַ גרוס פֿון דער ערדס אינגעווייד, איז מיר באַטעמטער און מער צום געמיט ווי די גולמעוואַטע עלעקטריע. עלעקטריע דאָס איז עלעקטריזירטע

# *Where the Stars Spend the Night*

*(1975–1989)*




*Yonia Fain, illustration to "Lupus."*

## *Lupus*

### *I*

Seven turns of the key to bolt the door of beaten copper. I hide the clever key, notched with serpentine teeth, like a treasure on my heartbeat: in the lining of my red velvet waistcoat.

Such a trick deserves a medal: Who am I guarding that key from? If the thief is outside, he can't come pull it out from the inside and, if he's inside, what good is it to keep it hidden in that tiny pocket?

I live on the top floor of the highest tower in town and my only visitors are gangs of drunken clouds, like Rubens's lusty bodies, entering through my only window, and in the whole town, there isn't a ladder that can reach my window, not even with our ardent firemen — nevertheless, for the sake of supersecurity and for fear of a cosmic evil eye, I have barricaded all the inside shutters and have mercilessly hung brocade draperies over them.

All that so nothing and no one will come disturb my chemical and alchemical experiments designed to transform an orphan shadow into its former living owner.

### *II*

The battered and polished lamp I bought for a farthing in the bustling fleamarket of old Jaffa drinks only good old kerosene, odorous greetings from the bowels of the earth. It suits my taste and temperament better than insipid electricity. Electricity means electrified barbed wire, the electric chair; since such a chair exists, it may well be that someday soon, an electric bed, too, may become popular, with brides and grooms giving birth (or death) to electric children.

ד

מילא, טראַכט איך, זאָל ער זיצן, זאָל ער הענגען, אַבי דער שאָטן זאָל מיר מוחל זײַן וואָס איך לאָז אים וואַרטן אין זײַן תּחית-המתים. און דערווײַלע מאַכט צו מיר דער אומגעבעטענער גאַסט:

— וואָס אַן אמת האָב איך געמיינט, אַז וועסט מיך גלײַך דערקענען, ווײַל איך האָב די פּריווילעגיע צו זײַן דער אָביעקט פֿון דײַן שׂינאה. דערקענסט נאָך אַלץ ניט? ווײ, ווײ, דער מענטש געדענקט ניט ווען ער איז געבוירן, געדענקט ניט ווען ער איז געשטאָרבן, וואָס געדענקט ער יאָ? נו, געגנוג מיט רמזים. דער נאָמען מײַנער איז לופּוס. טאַטע-מאַמע האָבן טאַקע מיר אַ נאָמען געגעבן וועלוול און אַזוי האָבן זיי מיך גערופֿן. אָבער שפּעטער, צווישן די גויִישע סטודענטן, בין איך פֿאַרגויט געוואָרן אין אַ לופּוס.

— ניט סתּם אַ לופּוס, נאָר לופּוס דער הענדלער מיט ציאַנקאַלי — באַשטעטיק איך זײַן ייִחוס. — באַדאַרפֿסט שוין אַצינד ניט גאַרגלען דורך וואַנען דו האָסט זיך צו מיר אַרײַנגעגנבֿעט: אַנשטאָט צו פֿאַרשליסן די געהאַמערטע קופּערנע טיר און דעם שליסל צו באַהאַלטן אין קאַמיזעלקע, האָב איך באַדאַרפֿט פֿאַרשליסן גאָר אַן אַנדער טיר און מיט אַן אַנדער שליסל. איצטער בין איך אין דײַן רשות.

— און איך אין דײַנעם — צעפּינטלען זיך די גליווערעם צווישן אויסגעטריקנטן מאָך. — קוים ווייסטו שוין אַז כ׳בין לופּוס דער הענדלער מיט ציאַנקאַלי און דורך וואָסער טיר איך קום אין דײַנע דלת אַמות, קאָן איך אַרויסלייגן אָפֿענע קאָרטן.

אַחוץ דעם בענקל וואָס איך רײַט אויף אים, איז טאַקע פֿון זינט איך געדענק ניטאָ אין קאַבינעט קיין אַנדער בענקל. אָבער גאָרנישט ניט איז אַזוי אומלאָגיש ווי די לאָגיק: איך זע און הער ווי לופּוס רוקט זיך צו אַלץ נעענטער צו מיר און ער קלאַפּט אַרויס דעם פֿאַרברענטן טאַבאַק פֿון דער ליולקע אָנעם הילצערנעם פּוס פֿונעם ניט-ממשותדיקן בענקל. פֿון דער ליולקע שפּרינגט אַרויס אַ פֿונקעלע און מיט אַ זאַלציקן ברי פֿאַרלעשט זיך עס אויפֿן שפּיץ פֿון מײַן צונג. און לופּוס קאָרמעט אָן די ליולקע און בלאָזט אַרויס אַ נײַע רויכטענצערין:

— מײַן כּוח און מײַן שוואַכקייט באַשטייט אין דעם, וואָס אַ גאַנץ לעבן בין איך מיט זיך ניט מסכּים. אָבער די איצטיקע שעה איז אַנדערש פֿון אַלע מײַנע צונויפֿגעשטעקעוועטע שעהען: איך גיב דיר מײַן פֿולסטע הסכּמה זאָלסט מיך אַנטלעבן. כ׳וועל דאָס אַלץ אַרויפֿברענגען שוואַרץ-אויף-ווײַס און זיך אונטערשרײַבן. כ׳וועל אויך צוגעבן אַ פּונקט, אַז דו בלײַבסט מײַן איינציקער יורש.

מײַן צונג איז טאַקע אָפּגעבריט, נאָר די ווערטער גיבן זיך ניט אונטער, ווידערשפּעניקן:

— לופּוס, גאַסט מײַנער, איידער איך נעם אָן אָדער שלײַדער אָפּ דײַן בקשה, מוזן מיר פֿונאַנדערוויקלען אַן אַלטע מגילה. אויב דײַנע הענט ציטערן — שעם זיך ניט, זײַ זיך מודה. איכ׳ל פֿונאַנדערוויקלען אַליין. כ׳האָב אַ גוטן זכּרון ווײַל כ׳האָב ניט קיין כּוח צו פֿאַרגעסן. איך זע, דו שאָקלסט צו מיט דער מאָכיקער טשופּרינע. דו גיסט מיר איבער דעם כּבֿוד. אַ דאַנק. אָט וויקל איך פֿונאַנדער די אַלטע מגילה:

... פֿון אַלע געוועזענע און קומעדיקע נעכט איז אונדז געבליבן איין ווינטערנאַכט. צוזאַמען מיט אונדז, איז די ווינטערנאַכט אַרומגעצוימט מיט עלעקטרישע רידלען. אָבער זי, די כּלומרשט געטרײַע ווינטערנאַכט, וועט באַגינען באַלד נעלם ווערן, בעת מיט אונדז וועלן די רידלען אָנקאָרמען די הונגעריקע מײַלער פֿון דער ערד.

אײַנגעהילט אין שנייהעמדער, ליגן מיר אין אַ פּראָסטיקן קאַלכאויוון. קיינעם איז ניט קאַלט. און דעם קינד, צוגעפֿרוירן צו דער מאַמעס ברוסטנאָפּל, איז אַוודאי ניט קאַלט. און די שטערן שמייכלען. זענען צופֿרידן וואָס מע פֿירט זיי ניט שיסן.

פּלוצעם — אַ באַוועגעניש פֿון מירמלנע געביינען: עס אַנטפּלעקט זיך אַ גואל מיט אַ זעקעלע ציאַנקאַלי! ער איז אויך אײַנגעהילט אין אַ שנייהעמד און זײַן אָטעם — ווי בײַם שלײַפֿן אַ מעסער.

די שטערן שמייכלען. זענען צופֿרידן וואָס מע פֿירט זיי ניט שיסן. אָבער מיר, די אויסדערוויילטע שטערן אויף דער ערד, זענען די אייבערשטע ניט מקנא. מקנא זענען מיר בלויז די גליקלעכע צווישן אונדז, די געבוירענע אין זײַדענע העמדלער, וואָס האָבן אויסבאַהאַלטן אַ רינגל, אַן איידלשטיין און בלויז מיט זייער כּישוף קאָנען די נאָכלעבעדיקע אײַנהאַנדלען, אַרויסבעטלען אַ פּאָרציע טויט בײַם הענדלער מיט ציאַנקאַלי.

עס ציִען זיך צען-רעריקע אײַזיקע מנורות:

— דערבאַרעם זיך, אַ לעק, אַ קרישל...

— אַבי ניט פֿאַרשעמט ווערן בײַם בליאַסק פֿון באַגינען...

— גוטער מענטש, בלויז פֿאַר מײַן שוועלבעלע...

— איך האָב געשפּילט מיט דײַן טאַטן אין שאָך...

— לופּוס, ראַטעווע מיך פֿון לעבן, כ׳וועל מיט דיר חתונה האָבן אויף יענער-וועלט...

אָבער לופּוס צעטיילט ניט זײַן סחורה אומזיסט. פֿאַראַן אַ פּרײַז און דער פּרײַז ווערט אַלץ העכער. און וואָס ווינציקער ציאַנקאַלי — אַלץ מער איידלשטיינער. און ער זעט אויס, לופּוס, ווי אַ באָק וואָס האָט צעריסן אַ וואָלף!

ה

די דריטע רויכטענצערין קרײַזלט זיך אַרויס פֿון זײַן ליולקע. זי איז מסוכּן שוואַרץ און אַ פֿינקלענדיק שנירל אַרום די לענדן. זי קלאַפּט צו מיט קאַסטאַניעטן. און אפֿשר קלאַפּן עס אַזוי מײַנע שלייפֿן?

לופּוס דערהערט מײַנע געדאַנקען און ער האַקט זיי איבער:

my waistcoat, it's quite another door I should have barricaded and with another key. So here I am at your mercy."

"And I at yours." The two glowworms winked in the middle of the clump of dried moss. "Now that you know I'm Lupus the Cyanide Merchant and through which door I slipped into your four walls, I can put my cards on the table."

Aside from the stool I'm riding on, as far as I remember, there never was another stool in my study. But nothing is as illogical as logic: I see and hear Lupus moving closer to me and tapping his pipe against the foot of the nonexistent chair to knock out the ashes. A spark leaps out of his pipe and, with a pungent nip, dies on the tip of my tongue. Lupus stuffs his pipe and puffs out a new smoke dancer:

"The secret of my strength and my weakness is that I have spent my life not agreeing with myself. But the present hour is different from all my other hours stitched together: you have my full agreement to give me back non-life. I am going to put it in black and white and sign it. I will add a codicil: you will be my only heir."

Although my tongue was nipped, the words don't succumb, they rebel:

"Lupus, my guest, before I accept or reject your request, we must unfurl an old scroll. If your hands tremble, don't be ashamed, admit it. I will unfurl the scroll myself. I have a good memory because I don't have the strength to forget. I see you nod your mossy hair. You yield the honor to me. Thank you. I unfurl the old scroll:

Of all the nights past and to come, we have one winter night left. Together with us, the winter night is fenced with electric shovels. But the winter night, loyal as it were, will disappear with the dawn, while the shovels will fling us as fodder to the ravenous maws of the earth.

Wrapped in our snow shirts, we lie in an icy lime kiln. No one is cold. And the child, frozen to its mother's breast, is certainly not cold. The stars are smiling. Delighted to escape the firing squad.

Suddenly, a shudder among the marble skeletons: a savior appears, bearing a pouch of cyanide! He too is wrapped in a snow shirt and his breath — a honed knife.

The stars are smiling. Delighted to escape the firing squad. But we, the chosen stars of the earth, don't envy those of heaven. We envy only the fortunate among us, those born in silk shirts who hid a ring or a jewel and can still use their power to trade or beg a portion of death from the Cyanide Merchant.

Ice chandeliers stretch their ten branches:

"For pity's sake, a thin slice, a crumb . . ."

"So dawn will not shame me . . ."

"Good man, just for my little birdie . . ."

"I played chess with your father . . ."

"Lupus, save me from life, I'll marry you in the other world . . ."

But Lupus doesn't distribute his merchandise for nothing. There is a price and the price grows higher and higher. And the less cyanide is left, the more precious stones you need for it. And he has a certain manner, Lupus, the manner of a billygoat who has just torn a wolf to pieces!

*V*

The third dancer escapes in coils from his pipe. She is dreadfully black, a sparkling necklace around her waist. She taps castanets. Or perhaps it's my temples tapping like this?

Lupus catches the thread of my thoughts and cuts it:

"You unfurled a genuine scroll. All we've just seen is as real as your charred tongue. The soul would have left me long ago but it is fastened to me with long nails. Nevertheless, you didn't notice everything: *who* took cyanide first that winter night? Me — Lupus! But in my veins there flowed an even more violent poison that mocked the cyanide. It was then, only then, that I became the Cyanide Merchant: let others too be persuaded that death had become as meek as a lamb, that the poison flowing in their own veins was stronger. That was the last consolation. Poor creature, are you seeking a reason for all that? As soon as you find a reason, you lose your reason."

"But why didn't you offer poison to the poor, those bereft of everything? Why did you trade it only for precious stones?"

"I didn't want those holy rings, those jewels, to end up in the executioners' pockets. Later, I threw them over the hedge of shovels into the abyss."

"Where, Lupus, in that icy lime kiln, where did you get cyanide?"

"I pinched it from my father's pharmacy and hid it on my body through all the tribulations. The poison delivered my father right at the start. The cyanide was then still stronger than the red poison in our veins."

"And who was that woman who begged you to save her life?"

"Amalia. A student. My beloved. My god. But God is too far away to betray."

"Lupus, I believe your commentary on the scroll. I had seen a lot, I hadn't seen it all. Both of us are incredible errors of that winter night. The meaning of my survival, however, is not to take life; and if you were the object of my hatred, my hatred has now evaporated like the cyanide of that winter night. Let's drink *l'chaim,* to life. Taking life isn't in my power as creator . . ."

— האָסט פֿונאַנדערגעוויקלט אַ וואָרע מגילה. אַלץ וואָס מיר האָבן איצטער געזען איז ממשותדיק ווי דײַן אָפּגעבריטע צונג. עס וואָלט שוין לאַנג זיך אָפּגעריסן פֿון מיר די נשמה, נאָר זי איז צוגעשלאָגן מיט לאַנגע טשוועקעס. פֿון דעסטוועגן האָסטו ניט אַלץ דערזען; ווער האָט אײַנגענומען ציאַנקאַלי דער ערשטער אין יענער ווינטער־נאַכט? איר — לופוס! נאָר אין מײַנע אָדערן האָט געריזלט אַ שטאַרקערער סם, וואָס האָט זיך אויסגעלאַכט פֿון דעם דאָזיקן. און יעמאָלט, ערשט יעמאָלט בין איך געוואָרן דער הענדלער מיט ציאַנ־קאַלי: זאָלן זיך אויך איבערצײַגן אַנדערע, אַז דער טויט איז געוואָרן שוואַך ווי אַ לעמעשקע, אַז דער סם אין די אָדערן איז מאַכטיקער. דאָס איז געווען די לעצטע טרייסט. מענטש איינער, דו זוכסט דערפֿון דעם זינען? קוים וועסטן געפֿינען דעם זינען — וועסטו פֿאַרלירן דעם זינען.

— אַלמאַי האָסטו ניט געשאָנקען דעם סם פֿאַר די אָרעמע, די גאָרנישט־האָבנדיקע און בלויז מיט אַן איידלשטיין האָט מען אים געקאָנט בײַ דיר אײַנהאַנדלען?

— כ׳האָב ניט געוואָלט אַז די הייליקע רינגען, די איידלשטיינער זאָלן אַרײַנפֿאַלן צום תּלין אין קעשענע. כ׳האָב זיי שפּעטער אַריבער־געשלײַדערט איבערן צוים פֿון די רידלען, אין תּהום אַרײַן.

— פֿון וואַנען, לופוס, קומט צו דיר אין פּראָסטיקן קאַלכאויוון ציאַנקאַלי?

— כ׳האָב עס אַרויסגעצויגן פֿון מײַן טאַטנס אַפּטייק און אויס־באַהאַלטן אויף מײַן לײַב אין אַלע ראַנגלענישן. דעם טאַטן האָט דער סם אויסגעלייזט גלײַך בײַם אָנהייב. דעמאָלט איז נאָך דער ציאַנקאַלי געווען שטאַרקער פֿונעם רויטן סם אין די אָדערן.

— און ווער איז די פֿרוי וואָס האָט זיך געבעטן דו זאָלסט זי ראַטעווען פֿון לעבן?

— עמאַליאַ. אַ סטודענטקע. מײַן געליבטע. מײַן גאָט. נאָר גאָט איז צו ווײַט ער זאָל פֿאַרראַטן.

— לופוס, איך גלייב דײַן פּירוש צו דער מגילה. כ׳האָב אַ סך געזען אָבער ניט אַלץ דערזען. מיר זענען בײדע אויסטערלישע טעותן פֿון יענער ווינטערנאַכט. דער זינען פֿון מײַן לעבן־בלײַבן איז אָבער ניט צו אַנטלעבן; און אויב דו ביסט געווען דער אָביעקט פֿון מײַן שׂינאה, איז די שׂינאה אַצינד אויסגעוועפּט געוואָרן ווי דער ציאַנקאַלי אין יענער ווינטערנאַכט. לאָמיר אויסטרינקען אַ לחיים! צו אַנטלעבן איז ניט אין מײַן קינסטלערישן כּוח...

## ו

כ׳בין אַוועק ברענגען אַ שליוואָוויץ און צוויי גלעזלעך. אַז כ׳האָב זיך אומגעקערט איז לופוס ניט מער געווען. אויף אַ מאַרגינעס פֿון מײַנעם אַ כּתבֿ־יד האָט נאָך געשלאָגן אַ פּאַרע פֿון זײַנע געצוקטע אותיות: „כ׳האָב געמיינט, ביסט קליגער. וועסט מיך בעסער פֿאַר־שטיין און דערנענטערן די באַגעגעניש מיט עמאַליאַ. דאָרטן וועל איך שוין מאַכן דעם אמתן לחיים‟.

דער קנויט פֿון לעמפּל האָט אויסגעטרונקען די לעצטע טראָפּנס קעראָסין און די נאַכטזון אויפֿן פּאַרמעט פֿון באַלקן האָט זיך איבער־געברענט אין אַ קרײַז פֿון אַש. נאָר אַן אַנדער קנויט, אַן אָקערשט אָנגעצונדענער און ביזן האַלדז אין אַ ים קעראָסין, האָט דורך די לאָדנשפּאַלטן צווישן ערד און הימל אַרײַנגעבריליאַנטעוועט אַ מילדן גוט־מאָרגן.

1975

## VI

I went to get some slivovitz and two glasses. When I returned, Lupus was no longer there. In the margin of one of my manuscripts still rose the mist of his curlicues: "I thought you were wiser. That you would understand me better and hasten my meeting with Amalia. Only there will I really be able to drink to life."

The wick of the lamp had drunk the kerosene to the last drops and the nocturnal sun on the parchment of the ceiling had consumed itself entirely, leaving only a halo of ash. But another wick which had just been lit, bathing up to its neck in an ocean of kerosene, pierced the diamond sparkle of a mild goodmorning through the cracks of the shutters between heaven and earth.

*1975*

אייגן פּנים — אַ סודותדיקער כּתבֿ-יד אויף אַלטן פּאַרמעט — איז געניגט פֿאַרביטן צו ווערן. האָט אַ קונסטפֿעלשער נאָכגעשאַפֿן מײַן פֿלײשפּאָרטרעט ?

און אפֿשר, קלער איך, איז די בלאָנדע לילי ניט בײַ אירע געדאַנקען ? אויב זי איז ניט בײַ אירע געדאַנקען — זענען די געדאַנקען בײַ איר. אַ שאָטן פֿון אַ פֿויגל זינגט שענער ווי דער פֿויגל.

— הייב אָן, לילינקע, מיטן ו ו ע ן : ווען די נשמה מײַנע האָט זיך פֿאַר דיר אַנטפּלעקט, וועט שוין במילא קלערער זײַן דער ו ו ו ...

איר צעשויבערט קעפּעלע דערלאַנגט אַ שפּרונג פֿון מײַנע קני און גלײַכט זיך אויס ווי אַ פֿרײַ-געלאָזענע ספּרוזשינע. לילי טוליעט זיך צו מײַן אַקסל און אָרעמט מיך אַרום. אירע פֿיסלעך הענגען אַרונטער פֿון דער באַנק ווי בײַ אַ קאַרליק :

— כ'האָב די צײַט ניט אַנגעסיליעט אויף אַ שנירל. אירע פּערל, מישטיינס געזאָגט, קאָן איך ניט אויסציילן. איך געדענק בלויז אַז דאָס איז פֿאָרגעקומען דעמאָלט, בעת די שטאָט איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שוואַרצן זייגער מיט אויסגעלייגטע ציפֿער-מענטשן אין אַ ריזיקן קרײַז. און אין קרײַז אַרום די ציפֿער-מענטשן האָט זיך געדרייט אַ פֿײַערדיקער ווײַזער און געשניטן, געשניטן.

דער טויט אין שטאָט איז אונדז ניט געווען מזלדיק. זענען מיר ביידע אַנטרונען אין וואַלד, אין זײַן גליווערדיקער טיפֿעניש. דער ווײַזער פֿונעם שוואַרצן זייגער האָט געשניטן אויך דאָרטן. זענען מיר ביידע אַנטרונען אין זײַן אונטערבאַוווסטזײַן, איך מיין — אין זײַנע האָריקע זומפּן, ווו דער ווײַזער האָט זיך בלויז אָפּגעשפּיגלט.

— לילי, גענוג אין מיר אַרײַנצושווײַגן. איך דערמאָן זיך ווי ס'וואָלט געווען הײַנט, ווי ס'וואָלט געווען מאָרגן : מיר זענען ביידע אײַנגעזונקען אין צוויי באַזונדערע זומפּגריבער און גוף צו גוף האָט ניט געקאָנט זיך דערנענטערן. בלויז אונדזערע הענט האָבן זיך תאווהדיקע, רויטע, געצויגן קעגן איבער — אַ מעת-לעת נאָך אַ מעתלעת — —

— וואָלאָדיע, לאָז מיך ענדיקן : אויסגענאָגט האָט אונדזער ביידנס געביין דער הונגער און מיר זענען אַלץ ניט זאַט געוואָרן. מיר האָבן געגעסן פֿאַרסמטע קרײַטעכצער און רויגן פֿון זשאַבעס. און אין איינער אַ נאַכט — אַ כּלה-קלייד האָט געשאָרכט איבער די זומפּן און זיי האָבן אָנגעהויבן פֿרירן — האָב איך דערזען, אַז די נשמה דײַנע שווימט אַרויס פֿון דײַן מויל און דערנענטערט זיך צו מײַנעם.

זי האָט געלויכטן העל בלוי ווי אַ סאַפּיר און איר גרייס און איר פֿאָרעם איז געווען ווי אַ טויביש אייעלע. דו ווייסט דאָך, טײַערער, דער הונגער האָט געקוואַקעט, אַ מויל האָט גרויסע אויגן, האָב איך זי אויפֿגעפֿרעסן.

— אַ דאַנק, לילי, האָסט גוט געטאָן, אַניט וואָלט זי אײַנגעזונקען אויף אייביק. איך וואָלט וועלן עולה-רגל-זײַן צו יענע זומפּן. ווו זענען זיי, אין וואָסער אָרטשאַפֿט קאָן איך זיי געפֿינען ?

— כ'וועל דיר געבן אַ צייכן : דאָרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן ...

1975

spring. Lili snuggles up to my shoulder and hugs me. Her little feet dangle under the bench like a dwarf's:

"I didn't string time on a thread. Its pearls — forgive the expression — I can't count them. I only remember that it happened when the city was transformed into a black clock, with human figures spread out in a gigantic circle. And, in the circle, a fiery hand spun around the human figures, slicing, slicing."

Death in the city wasn't kind to us. Both of us escaped to the forest, into its icy depths. There too the hands of the black clock were slicing, slicing. We escaped into its subconscious — into its shaggy swamps where the hands were only reflected.

"Lili, stop pouring your silence into me. I remember as if it were today, as if it were tomorrow. We both foundered in two separated tomb-swamps where a body can't touch another body. Only our hands — red desires — reached out to each other, day after day."

"Volodia, let me finish: hunger sucked the marrow of our skeletons and yet we were not sated. We ate poison herbs and frog roe. And one night, a wedding gown rustled lightly over the swamps and they started freezing — then I saw your soul swimming out of your mouth and approaching mine. It gleamed with a luminous blue like a sapphire and, in shape and form, looked like a dove's egg. You know, my dear, hunger croaked, a mouth is greedy and I devoured it."

"Thank you, Lili, you did well; otherwise it would have foundered forever. I would like to go on a pilgrimage to those swamps. Where are they? In what latitudes can I find them?"

"I shall give you a sign: there, where the stars spend the night . . ."

*1975*

— אָבער שפּעטער, ווען מיר האָבן זיך אויפֿגעזוכט אין דער שחיטה-שטאָט, בין איך און צירעלע אים געטרײַ געווען אַזוי ווי זײַנע לײַבלעכע נאָדלען. אפֿשר נאָך מער. אַ גאַנצענעם ווינטער האָבן מיר אויסבאַהאַלטן אונדזער טאַטן אויף אַ בוידעם, האָבן געוואַרעמט זײַנע פֿיס מיט אונדזערע אָטעמס, נאָר ס׳האָט ניט געהאָלפֿן: זיי זײַנען געווען געליימט.

— לאָמיר צוגעבן — האָט אַ שמוצער געטאָן צירעלע — אַז אויך אין דער באַהעלטעניש אויפֿן בוידעם איז דער געליימטער טאַטע נאָך אַלץ געווען אַ פֿריילעך-מאַכער. וועמען ער האָט פֿריילעך געמאַכט? זײַנע בוידעם-שכנים אין דער זעלביקער באַהעלטעניש. אונדזער טאַטע האָט בלויז צער געהאַט וואָס ער טאָר ניט לאַכן אויף אַ קול, אויף אַלע זײַנע קולות, אַז דאָס געלעכטער זאָל אַרײַן אין די אויערן פֿון דעם, וואָס צו אים האָט ער תּפֿילה געטאָן.

צערטל האָט זיך איבערגעבויגן איבערן שמאָלן טיש און אירע אויסגעשפּרייטע פֿליגל האָבן אַרומגענומען טיליעס אַקסלען:

— מיט זײַן פֿריילעך געמיט האָט ער אויך אויפֿגעמונטערט זײַנע געטרײַע נאָדלען, זיי זאָלן אין דער באַהעלטעניש, חלילה, ניט זשאַווערן. דעם אמת מוז איך אָבער דערציילן: ווען איך האָב געזען אונדזער טאַטן דעם לעצטינקן מאָל, איז ער אַזוי בלייך געוואָרן, אַז מיר האָט זיך געדאַכט: אונטער דער הויט זײַנער לויכטן תּכריכים.

## ד

דאָס פֿלעמל פֿון דער יאָרצײַטליכט האָט זיך אַ הייב געטאָן און איז געוואָרן טאָפּל הויך. ניט אַנדערש: דאָס פֿלעמל האָט זיך אָקערשט געטרונקען, זיך געבאָרעט מיט וועקסענע כוואַליעס און האָט זיי גובֿר געווען און אַרויפֿגעשווומען אויבן.

ס׳האָט זיך דערהערט אַ פֿײַף. טיליע איז אויך טאָפּל הויך געוואָרן: ווער פֿײַפֿט עס? דערנענטערט זיך צו איר אַ שיף? אָ ניין, דאָס האָט אויפֿגעזידט אין קיך דער בלויער טשײַניק. זי האָט גאָר פֿאַרגעסן אין אים. דערמאָנט ער זי אויף זײַן פֿײַף-לשון: פֿאַרטיק, מען קאָן טרינקען טיי.

די טייגלעזער — פֿול מיט וואַסערגאָלד. עס נייגן זיך אין זיי ציטרינענע זעגלען.

ווידער האָט זיך פֿון טיליעס פּנימל אַראָפּגעשיילט אַן איבער-געברענטער שמייכל:

— קינדערלעך, טרינקט, איך האָב אויפֿגעהיט פֿאַר אײַך אַ פּאָר קראָשקעס פֿאַרמלחמהדיקן צוקער, וואָס אַזוינס איז גאָר הײַנט ניט בנימצא. האַרטע ווי גראַניט, מע דאַרף האָבן צו זיי געזונטע ציין, ווי בײַ אַ מויז. און אַלץ דערפֿאַר, ווײַל אונדזער טאַטע האָט ליב געהאַט צו טרינקען טיי מיט אַ קראָשקע צוקער.

— הייס! — האָט זיך צערטל כּמו אָפּגעבריט איר צינגעלע אין האָלדז.

— קאַלט! — האָט אויסגערופֿן צירעלע, מיט אַ מינע ווי מע וואָלט אויסגעטראַכט אויף איר אַ מיאוסע זאַך.

איצטער איז טיליע זיי אַרײַנגעשווומען אין די אויגן פֿאָרשעריש:

— וואָס ווײַטער מען אַנטלויפֿט פֿון אַ בית-עלמין, אַלץ נענטער איז מען צו אַ צווייטן. איינע פֿון אײַך האָט פֿריִער אָנגעהויבן דערציילן וועגן אַ לעצטן מאָל. און וואָס איז געשען ד ע ר נ אָ ך מיטן טאַטן?

מ׳האָט פֿאַרנומען ווי ס׳דערנענטערט זיך צום ברעג אַ כוואַליע. צערטלס ליפּן זענען געוואָרן שוימיק:

— דער טאַטע האָט מיך פֿאַרשוואָרן, כ׳זאָל אים איבערלאָזן אויפֿן בוידעם, אין דער באַהעלטעניש; די געטרײַע נאָדלען, האָט ער געזאָגט, וועלן אים באַשיצן.

— אמת, אמת, — האָט מיטן זעלבן קול נאָכגעזונגען צירעלע. — דער טאַטע האָט מיך אויך פֿאַרשוואָרן, איך זאָל אים איבערלאָזן אויפֿן בוידעם און זיך ראַטעווען. אמת, אמת. נאָר אַז געטרײַע נאָדלען וועלן אים באַשיצן, האָב איך ניט געהערט. איך ווייס, טיליע, וואָס דו באַהאַלטסט אין די געדאַנקען. דו ווילסט אונדז פֿרעגן, צי מיר האָבן שטענדיק אַזוי געהאָרכט וואָס דער טאַטע האָט געבעטן. מעגסטו וויסן, טיליע, אַז ניין! איך בין טאַקע אַנטרונען דורך די וואַסער-קאַנאַלן, שוין אײַנגעשלונגען אַ וואַלד, נאָר כ׳האָב נ י ט געהאָרכט וואָס דער טאַטע האָט פֿאַרשוואָרן און צוריקגעוואָגלט צו דער שחיטה-שטאָט, צום געליימטן טאַטן. זעסט אַ רויט גריבעלע אין מײַן שטערן? בעתן וואָגלען צוריק האָט מיר אַ קוש געטאָן אַ קויל. אויך צערטל האָט געוואָלט זיך אומקערן צום בוידעם, נאָר ס׳געוויין פֿון אַ פּיצל קינד, איר קינד, האָט ניט געלאָזן.

## ה

די צוויי שוועסטער האָבן אויפֿגעפֿלאַטערט. גענומען זיך פּאַקן אין וועג אַרײַן. צײַט אַהיים.

טיליע האָט זיי מאַמעדיק אַרומגעטוליעט. צערטל און צירעלע האָבן אַצינד אויסגעזען ווי אירע צוויי אָפּגעברענטע, נאָר צוריק אויס-געוואַקסענע פֿליגל:

— קינדערלעך, אײַלט זיך ניט. איך האָב פֿאַר אײַך אַ גוטע בשׂורה. דער טאַטע לעבט. ער איז מיט אונדז. אָן זיצט ער אויף זײַן אַלט-היימישן בענקל אויבן אָן בײַם טיש...

און די צוויי שוועסטער און טיליע צווישןביידע, אַלע דרײַ צו-זאַמענגעשפּיליעט, זעען טאַקע באַשײַמפּערלעך: אויבן אָן בײַם טיש, אויף אַ בענקל, און באַלויכטן פֿון דער יאָרצײַטליכט — אַ קליינער דאָרן-געוויקס: מאָנעסקע דער שנײַדער.

All three of them burst into tears, as if the needles Tilye had just recalled were pricking their hearts. The tears of the oldest were real human tears; the tears of the two younger ones, a salty echo of the music of the sea incessantly going away from the ower and incessantly coming close to it. Going away and coming close.

Tzertl was the first to calm down and shake the foam off her eyelashes:

"But later on, when we found each other in the Slaughter City, Tzirele and I were as faithful to him as his beloved needles. Maybe more. For a whole winter, we hid our papa in an attic, we warmed his feet with our breath. But that didn't do any good: they grew numb."

"Let's add," Tzirele hissed, "that even in the attic hiding place, our numb papa was still the life of the party. Who did he want to cheer up? The people hiding with him in the same attic. Papa was only sorry he couldn't laugh at the top of his voice so his laugh would reach the ears of the One he prayed to."

Tzertl leaned over the narrow table and, with her wings spread, encircled Tilye's shoulders:

"With his good humor, he gave courage to his faithful needles so they wouldn't rust, God forbid, in the hiding place. But I must tell the truth: the last time I saw our papa, he had become so pale I thought I saw the shroud shining through his skin."

## *IV*

The flicker of the *yortsayt* candle leaped up twice as high. It seems that the flicker which had been drowning a moment before, struggling with waves of wax, had triumphed over them and darted up.

A whistle was suddenly heard. Tilye also rose up twice as high: Who is whistling? A ship coming close? Oh no, it was only the blue teakettle whistling in the kitchen. She had forgotten it and now it reminds her in its whistle language: Finished, you can drink tea.

Glasses of tea—full of water-gold. Sails of lemon floating in it.

Again, a burned smile peels off Tilye's face:

"Drink, children. I've put aside for you a few crumbs of sugar from before the war, the kind you don't find anymore today. They're hard as a rock, you must have healthy teeth, like the teeth of mice. And all that because our papa loved to drink tea with a lump of sugar."

"Hot!" shouted Tzertl, as if she had burned her palate.

"Cold!" shouted Tzirele, looking as if she had been falsely accused of something shameful.

Tilye swims up in their eyes, searching:

"The farther you flee from one cemetery, the closer you get to another. Just now, one of you started telling about a last Time. And afterward? What happened to papa *afterward*?"

They heard a wave break on the shore. Tzertl's lips were covered with foam:

"Papa begged me to leave him in the attic, in the hiding place; his faithful needles, he said, would protect him."

"It's true, it's true," Tzirele echoed in the same tone. "Papa also begged me to leave him in the attic and save myself. It's true, it's true. But that his faithful needles would protect him, that I didn't hear. I know, Tilye, what you're hiding in your thoughts. You want to ask us if we always obeyed papa's requests. No, Tilye! In fact, I escaped through the sewers. I was swallowed up by a forest, but I did *not* obey papa and I went back, I returned to the Slaughter City, to our numb papa. You see this little red hole in my forehead? On the way back, I got a kiss from a bullet there. Tzertl wanted to go back to the attic too but the tears of a little baby, her baby, prevented her."

## *V*

The two sisters started up. Began packing to go. Time to go home.

Tilye embraced them like a mother. Tzertl and Tzirele now looked like her two burned wings, grown back on her:

"Children, don't rush. I have good news for you. Our papa is alive. He is with us. There he is, sitting in his old chair, at the head of the table..."

The two sisters, with Tilye between them, all three entwined, saw with their own eyes: on a chair at the head of the table, lighted by the *yortsayt* candle, a little bush of thorns: Moneske the Tailor.

His face among the thorns began sprouting leaves.
A swarm of flaming needles stuck on the buds of his vest.
There's papa's finger crowned with a thimble.
And there, the green ribbon of the measuring tape wound around his neck.

And their papa, known to the world as Moneske the Tailor, laughed at the top of his voice out of the thorn bush.

And when he finished laughing, he spoke thus:

"It's all true, daughters, I swear by my life."

*1977*

צווישן דאָרן-שטענגעלעך בלעטלט זיך זײַן פּנים.

אַ גוזמא ברענענדיקע נאָדלען אָנגעשטאָכן אויף זײַן קנאָספּעדיקער קאַמיזעלקע.

אָט איז דעם טאַטנס אַ פֿינגער באַקריינט מיט אַ פֿינגערהוט.
אָט שלענגלט זיך דער גרינער אַרשין אַרום זײַן האַלדז.

און דער טאַטע, וואָס די וועלט האָט אים גערופֿן מאָנעסקע דער שנײַדער, לאַכט אַצינד אויפֿן קול, אויף אַלע זײַנע קולות, פֿונעם דאָרן-געוויקס.

און אַז ער ענדיקט לאַכן, זאָגט ער אַזוי צו זאָגן:
— אַלצדינג איז אמת, טעכטער, זאָל איך אַזוי לעבן.

1977

# דער הויקער

דאָס איז געשען און איז געשען ווײַטער, ווען די אויסגעשטערנטע זיפּ פֿון דער האַרבסטנאַכט האָט געהאַלטן אין זיפּן און איבערזיפּן אין די געסלעך מי לחיים ומי למוות: לחיים — אויף אַ מעת-לעת און אפֿשר ווינציקער; למוות — אויף אַן אייביקייט און אפֿשר ווינציקער.

אַרויפֿגעצויגן איבער די געסלעך איז די אויסגעשטערנטע זיפּ. אַ האַנט אַן אומגעזעענע טרייסלט זי. און עס פֿאַלן אין אַ זיפּצנדיקער שטומעניש די מיט שופֿלען אָנגעשאָטענע מענטשנקינדער — אומשולדיקע און דורכגעזיפּטע אין אַ ליידיקן, איבערגעקערטן הימל.

ווו ניט ווו בויערן זיך תּפֿילות. דער בליאַסק פֿון זייערע ווערטער איז אויסגעוויינט און פֿאַרגליווערט.

אַ צעשפּאָלטן קול, ווי אַ שטיין וואָלט ריידן פֿון שלאָף אַרויס, באַהאַלט זיך און זוכט אַ ראַטונעק אין דער באַהעלטעניש פֿון מײַן אויער:

— ברודער-לעב, ווי אַזוי ווערט מען משוגע?

ס'איז דער הויקער כעמע דער איינציקער הויקערמאַן וואָס איז געבליבן אין אונדזער קיניגרײַך.

ווען האָבן מיר געשלאָסן קאַנטשאַפֿט? אַהאַ, איך דערמאָן זיך: ווען מיר ביידע זענען אַרײַנגעשווומען צווישן טויזנטער אין די שטיינערנע אָדערן פֿון די געסלעך.

דער פֿאַרשוין האָט מיך יעמאָלט צוגעצויגן מיט זײַן מאַיעסטעטישן הויקער. מע וואָלט גרײַלעך געקאָנט מיינען, אַז דאָס טראָגט ער אויף זײַנע פּלייצעס, לעבעדיקערהייט, זײַן מצבֿה.

הויקערדיק איז בלויז געווען די פֿאָרעם. איך האָב זיך באַלד איבערצײַגט אַז פֿאָרעם און אינהאַלט איז דאָ ניט קיין צווילינג, נאָר אַ שלמותדיקער איינלינג.

ס'האָט מיך צוגעצויגן דער נאָמען זײַנער: כעמע. ווו האָט זיך אויסגעבאַקן אַזאַ טשיקאַווער נאָמען?

שוין בײַם ערשטן ווערטער-איבערוואָרף אין די שטיינערנע אָדערן פֿון די געסלעך, אויף מײַן שאלה צי ער איז אַ היגער, אַ דאָ-ביטיקער, האָט כעמע אַרויסגעסיקעט אָן אַ פּינטל מיט דער צונג:

— איך בין אַ פּליט פֿון אַן אַנדער פּלאַנעט.

און כאָטש איך בין שוין געוווינט געווען צו זײַנע דעמאָנישע פּאַראַדאָקסן און ביזן ביין שנײַדנדיקע זאָגעכצער (איך האָב יעמאָלט זיי געהאַט פֿאַרשריבן אויף שמותדיק פּאַפּיר, פֿאַרשלאָסן דעם אוצר צווישן ערד און הימל, נאָר שפּעטער — פֿאַרלוירן צו אים דעם שליסל), פֿון דעסטוועגן בין איך אין דער אויסגעשטערנטער זיפּ פֿון דער האַרבסטנאַכט ווי ערשטמאָליק צעפּלעפּט געוואָרן פֿון זײַן שאלה: ווי אַזוי ווערט מען משוגע?

כ'האָב אים אַ גלעט געטאָן דעם הויקער אויף מזל:

— וואָס פּלוצעם?

כעמע האָט זיך אומגעדרייט און מיר דערלאַנגט אַ דוצקע מיטן הויקערשפּיץ ווי אַ באָק מיטן האָרן:

— ביז איצטער האָב איך געגלייבט באמונה-שלמה, אַז אַלצדינג וואָס די אויגן מײַנע זעען, איז אַ פֿאַרבלענדעניש, אַ חלום. אַז כ'האָב, למשל, געזען אַ פּאָר קינדערשיכלעך, וואָס אַ הונט האָט ניט אַרויסגעלאָזן פֿון די ציין און איז אַרומגעלאָפֿן צו געפֿינען און זיי אָנצוטאָן דעם באָרוועסן קינד, אָדער אַז כ'האָב געזען הענגען אויף אַ תּליה אַ קאַרשנביימל, אָדער אַ שאָטן האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און האָט ניט געפֿונען זײַן בעל-הבית, צו דעם אַלעם האָב איך געהאַט אַ שפּרוך פֿון פֿאַרלייקעניש: אַ חלום, אַ חלום, אַ חלום. אַצינד, אין דער שפּעטער שעה, האָט זיך אָפּגעטאָן פֿון מיר דער כּוח פֿון פֿאַרלייקעניש און כ'האָב דערזען אַז פֿונעם חלום רינט בלוט.

## *The Hunchback*

It happened and then happened again when the starry sieve of the autumn night kept sifting over and over in the narrow ghetto streets *who is to live and who is to die: to live* — twenty-four hours, maybe less: *to die* — an eternity, maybe less.

The starry sieve is pulled over the narrow streets. An unseen hand shakes it. Sons of man tumbled by scoops, innocent, falling in sighing silence — sifted into an empty, overturned sky.

Here and there, prayers drill. The shimmer of their words, emptied of crying and congealed.

A split voice, like a stone talking in its sleep, seeks refuge in the cranny of my ear:

"Old fellow, how can you go crazy?"

It is the Hunchback Kheme. The only hunchback left in our kingdom.

When did we meet? Ah, I remember: when both of us swam among thousands into the stone veins of the narrow streets.

It was his majestic hump that drew me to him then. You might have thought that, still alive, he was carrying his tombstone on his own shoulders.

The hump was only the form. I soon realized that here, form and content are not twins but a perfect unity.

I was drawn by his name: Kheme. Where did they cook up such a curious name?

At our first verbal pingpong in the stone veins of the narrow streets, when I asked if he was born in this city, Kheme hissed without blinking his tongue:

"I'm transplanted from another planet."

And though I was used to his demonic paradoxes and his trenchant dicta, cutting to the bone (I wrote them down on relics of scrolls, locked my treasure between earth and sky, but later lost the key), caught in the starry sieve of that autumn night, I was stunned by the revelation of his question: How can you go crazy?

I stroked his hump for luck:

"Why, all of a sudden?"

Kheme turned around and butted me with the point of his hump like a billy goat with his horn:

"Till now, I believed that everything my eyes see is a delusion, a dream. When I saw a pair of children's shoes in the mouth of a dog, running to find a barefoot child, or when I saw a cherry tree hanging on the gallows, or a shadow waking with a start and not finding its owner — to all this I had a chant of denial: a dream, a dream, a dream. Now, at this late hour, I've lost the power of denial, I see that the dream is bleeding."

A blue old man, over his head a Torah scroll in a mantle of sparks, cut his way through the hordes of people. Some believed the old man would save the

זײַנע געטרײַע לײַט, וואָס האָבן ווײַטער געדינט זייער ליבלינג, האָבן זיך שפּעטער געשווירן, אַז טראָפֿים קאָפּעלקאָ האָט פֿון יסורים כּמעט איבערגעביסן די ליולקע, נאָר זײַנע וועלפֿישע אויגן זענען געבליבן טרוקן ווי פּולווער; און אַז דער טאָטערל, זײַן אַדיוטאַנט, האָט זיך בײַ אים געבעטן:

— ליבינקער, זעג אַראָפּ מײַן לינקן פֿוס און טו אים אָן, ער איז דײַנער... — האָט ער די ציין אײַנגעביסן אין דער ליולקע און אַ קרומען שפּײַ געטאָן צום טאָטערל:

— ניע נאַדאַ...

## ב

דער טאָטערל אין דער באַראַשקענער פּאַפּאַכע איז נאָך איצטער אַ דערהויבענער אונטערטעניקער בײַ טראָפֿים קאָפּעלקאָ. צוזאַמען רײַטן זיי, צוזאַמען גלעזלען זיי און יעדער ווײַלע שפּרינגט ער צו מיט אַ צינדל פֿײַער צו יענעמס צאָרנדיקער ליולקע.

דער טאָטערל האָט אויך אויסגעבויט אין וואַלד אַ באָד פֿאַר זיי ביידן: אַ מין זעמליאַנקע איבער אַ קוואַל מיט שפּרודלדיק וואַסער, קעלטער פֿון אײַז. אַ צעבער קוואַלוואַסער איבער צעגליטע שטיינער און ס'ווערט אַ פּאַרע ווי בײַ זיך אין דער היים. דער טאָטערל בעזעמט אים אַלע גלידער און טיילן, אויך דעם פֿוס דעם הילצערנעם, וואָס טראָפֿים קאָפּעלקאָ לאָזט אים ניט אַ רגע אויף דער פֿרײַ.

פֿון זײַן האָריק וואָלקנלײַב שלאָגן בליצן.

דער גרויסער קאָפּעלקאָ איז רויט ווי אַ ראַק.

יעמאָלט נעמט אים דער טאָטערל אַ נאַקעטן אויף זײַן אַקסל און אַ שלײַדער אין דרויסן און קײַקלט אים אין שניי.

די שפּיצן פֿון זײַנע קופּערנע וואָנצעס, אַראָפּגעהאַנגענע ביז אונטער דער מאָרדע, זענען בײַ טראָפֿים קאָפּעלקאָ די וואָג פֿון גערעכטיקייט. אויף זייערע שאָלן ווערט געוויגן די זינד פֿון שפּיאָנען און פֿאַררעטערס. אמת — דאָס אויג איבער דער וואָג איז דאָס וואַכיקע אויג פֿון קאָמאַנדיר, אָבער קים איז ברייטהאַרציק, זייער ברייטהאַרציק. און עס הוידען זיך די וואָנצעס בײַ טראָפֿים קאָפּעלקאָ אַהער און אַהין, אַהער און אַהין — —

## ג

די פֿאַרפֿרוירענע זון האָט זיך אַליין דערוואַרעמט. אין אייגענעם רויטן אַש אַליין פֿונאַנדערגעבלאָזן אירע פֿונקען און זיי צעשפּריצט איבערן שניי.

דורך די נאָדלען פֿון די נאָדלביימער האָט אַ גרינע האַנט, אַרויסגעוואַקסן פֿון דער ערד, אַרײַנגעצויגן אַ גרינעם פֿאָדעם.

אַן אײנציקער בוטשאַן, ווי אַ פֿידל-בויגן אָן אַ פֿידל, האָט אַ ציגעטאָן איבער די וועלדער.

און יעמאָלט איז ער אויפֿגעגאַנגען, טראָפֿים קאָפּעלקאָ, און האָט געלויכטן אין זײַן פֿולער גלאָריע.

ער האָט געריטן דורך בהלהדיקע וועלדער אין גאַלאָפּ און הינטער אים — זײַן געטרײַער יעגערהונט מיט אַן אַרויסגעפֿאַלענער צונטערדיקער צונג, דער טאָטערל.

אויף צוריקוועגס האָבן ביידע געריטן פּאַוואָליעדיק. הינטער זיי, מיט פֿאַרבונדענע הענט און די שטריק מיטגעצויגן דורך די רײַטערס, האָבן וואַקלדיק נאָכגעהיפּערט, קוים זיי צו דערקענען, די שענסטע מוידן פֿון די וועלדער: קאַטיאַ, ליובאָטשקאַ, האַלינקאַ — די געליבטע פֿון אָפּטייל-קאָמאַנדירן, קאָמיסאַרן און בראַווע נאַטשאַלניקעס.

טראָפֿים קאָפּעלקאָ האָט אויסגעזען ווי צעזאַר און דער טאָטערל — פּונקט ווי דער טאָטערל.

## ד

אין איינער פֿון יענע אָנהייב-פֿרילינגנעכט האָבן צוויי פֿערד זיך יונגנטלעך צעהירזשעט בײַ דער זעמליאַנקע פֿון מײַן אָפּטייל אונטער צווײַגן-פֿאַרהוילעניש לעבן דער אָזערע מיאַסטרע.

דאָס פֿערדישע געלעכטער האָט מיט זײַן בייגעוודיק שטאָל פֿונאַנדערגעפּליעסקעט אין חלל די אויף ס'נײַ אײַנגעפֿרוירענע שטילקייט.

איך האָב אויפֿגעוואַכט אַנטקעגן אַ פּנים אַ געקרייציקטן פֿון דרײַ ברענענדיקע שוואַרצאַפּלען. דער דריטער שוואַרצאַפּל — דאָס פֿײַערל פֿון אַ ליולקע.

— איך הייס טראָפֿים קאָפּעלקאָ — האָט זיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר מיר דער נאַכטיקער שליח. — דער קאָמאַנדיר קים האָט מיר באַפֿוילן צו ברענגען דיך אין שטאַב.

צוליב וואָס די שפּיל, אַז מיר קענען זיך? צוליב וואָס מאַכט ער זיך קעציש, אַז פֿאַר אים איז נאַטירלעך צו מאַכן זיך הינטיש? אַזוי קלער איך, נאָר קיין שאלות פֿרעג איך ניט. אַ כאַפּ דאָס פּעלצל, אַרײַנגעלאָזן אַ קויל אין ביקס און איך שפּאַן אַרויס פֿון דער זעמליאַנקע אין דער אויפֿגערירטער שטילקייט נאָך די סליאַדן פֿון אַ שטיוול און אַ הילצערנעם פֿוס.

דער חשד פֿון מײַנע חבֿרים באַגלייט מיך פֿון דער זעמליאַנקע אין דרויסן. דער אָטעם פֿון זייערע בליקן בלאָזט פֿונאַנדער פֿונקען אין מײַן רוקנביין.

ווען מיר זיצן שוין ביידע אויפֿן זאָטל, איך הינטער אים, גיט אַ זאָג טראָפֿים קאָפּעלקאָ צום טאָטערל:

adjutant, the little Tartar, who pulled off his boot. Trofim Kopelko groped for a long time inside as if he were looking for his luck and plucked out from the lining the sweaty medal for heroism he won in the Finnish war.

With the scoured Soviet medal on his Berlin-made uniform, he jolted his blond advisers.

Ever since, armored by their weapons and experienced in action, Trofim Kopelko became famous throughout the region.

One autumn dawn, while cutting deeper into the Narocz Forests, a mine blew up under him, and his left leg, along with the boot, hung like a dead crow on the crown of a birch tree.

His loyal gang, who went on serving their beloved leader, would later swear that Trofim Kopelko almost bit through his pipe in pain, but his wolf's eyes remained dry as gunpowder; and when his adjutant, the little Tartar, begged him: "Sweetheart, saw off my left leg and put it on, it's yours . . . ." he sank his teeth into his pipe and spat sideways to his Tartar: "No need . . ."

To this day, the little Tartar in his lamb's wool hat is still Trofim Kopelko's sublime subordinate. They ride together, they clink their glasses together, and he always leaps up with fire to light his boss's wrathful pipe.

The little Tartar built a bath in the forest for the two of them: a kind of underground bunker over a spring with bubbling water, colder than ice. Pour a bucket of spring water over glowing stones and you get steam as good as at home. The little Tartar sweeps all his limbs and parts, including the wooden leg that Trofim Kopelko won't give up for a moment.

From his hairy cloud-body, lightning flashes.

The big Kopelko is red as a lobster.

Then the little Tartar takes him naked on his shoulder, hurls him outside, and rolls him in the snow.

The points of his copper moustache hanging down under his chin are Trofim Kopelko's scales of justice. The sins of spies and traitors are weighed in their pans. True — the eye over the balance is the vigilant eye of the commander, but Kim is generous, very generous. And Trofim Kopelko's moustache swings back and forth, back and forth — —

The frozen sun warmed itself. In its own red ashes, it puffed up the sparks and sprayed them over the snow.

Through the needles of the evergreens, a green hand, growing out of the earth, threaded a green thread.

A single stork, a bow without a violin, arched over the forests.




*Yonia Fain, illustration to "The Boot and the Crown."*

And then he thawed, Trofim Kopelko, and shone in all his glory.

He galloped through panic-stricken forest and behind him — his faithful bloodhound with a drooping scarlet tongue, the little Tartar.

They rode back leisurely. Behind them, hands tied, the ropes pulled by the riders, limped teeteringly, barely recognizable, the most beautiful gals of the forests: Katya, Lyubochka, Halinka — the lovers of company commanders, commissars, and brave officers. Trofim Kopelko was a Caesar and the little Tartar — a little Tartar.

## *IV*

In one of those early spring nights, two young horses whinnied over the dugout of my company hidden in a nest of branches near Lake Myastra.

— שיכּור-אָן די פֿערד זיי זאָלן ציִען געשווינדער, נאָר פֿאַרגעס ניט איבערלאָזן פֿאַר אונדז דרײַען אויך.

דער טאָטערל בינדט אָפּ פֿון אַ רימען בײַם זאָטל פֿון זײַן אָגער אַ באַנקע מיט סאַמאָגאָן און קערט זי אַרײַן אין די אויפֿגעריסענע מײַלער פֿון בײדע פֿערד, צו ערשט אין אונדזערן דערנאָך אין זײַנעם.

דערשפּירט אין זייער אינגעווייד אַ ברענענדיקן פֿרילינג, טוען די פֿערד זיך אַליין אַ שמײַס מיטן בײַטש פֿון זייערע עקן און שלינגען אײַן מיט זייער פֿריילעכן גאַלאָפּ די וואַלדיקע מײַלן. דער טאָטערל פֿאַרלויפֿט אונדזער סאָפּענדיק פֿערד און קאָרמעט אָן מיט פֿײַער אַ מאָנענדיקע ליולקע.

איינציקע שאָסן, ווי איבערקולות פֿון גאָר נאָענטע וועלף, צעקנייטשן דעם חלל.

די לעצטע האָריקע שנייען, ווי דערשראָקענע האָזן, גליטשן זיך אַראָפּ פֿון יאָדלאָווע צווײַגן.

אונדזער שיכּורער אָגער שטעלט זיך אויף די הינטערשטע פֿיס און מיר ווערן פֿאַרוואַנדלט אין אַ מירמלנעם דענקמאָל.

טראָפֿים קאָפּעלקאָ טאָפּט דעם וואַלד מיט זײַנע נאָזלעכער:

— פֿײַנדלעכע שאָסן. איך דערקען זיי ווערדליק זייער עכאָ. אַ צעקלאַפּטע אַרמיי דערנענטערט זיך צו אונדזערע באַזעס. אײדער די זון וועט אײַנשנײַדן דעם אײַז מוזן מיר אַריבערגאַלאָפּירן די מיאַסטרע!

דער טאָטערל, אין אַ זיגזאַג, רײַט נאָך טיפֿער אין וואַלד אַרײַן. מיר דאַכט: ער וויל אויפֿקלײַבן די שאָסן . . . און ער יאָגט אונדז אָן אויף דער אָזערע, איבערן פּלאַצנדיקן אײַז.

דער באַגינען הוידעט זיך אויף אַ צווײַג בײַם האָריזאָנט: אַ פּורפּלדיק שדל.

### ה

טראָפֿים קאָפּעלקאָ פֿירט מיך אַרײַן אין דער זעמליאַנקע פֿון קאָמאַנדיר. די שטילקייט אין ערדשטיבל — אַ סודותדיקע מאַפּע. און דער פֿרילינג איז ניט בלויז אויבן, אין שותּפֿות מיט דער זון, דער פֿרילינג איז אויך אונטן, אין די אָדערן פֿון דער ערד, און זײַן רעגן-ריח שלאָגט אַרויס פֿון אינעווייניק אין דער באַצווײַגטער זעמליאַנקע.

אַ וואַרעמע באַגלייבטע האַנט פֿאַרשליסט זיך אין מײַנער. איך באַמערק באַלד אַז דער בריגאַדע-קאָמאַנדיר האָט זיך געביטן: די קנייטשן אויפֿן יונגן פּנים זענען עלטער פֿונעם פּנים. און זײַן באָרד, אַזוי בלאָנד ווי אַן אָקערשט אויסגעפּיקט הינדעלע, איז צו מילד פֿאַר זײַנע שאַרפֿע קנייטשן:

— ביסט נײַגעריק צוליב וואָס איך האָב דיך אײַליק אַרויסגערופֿן, איז אָט: כ׳האָב דערהאַלטן אַ ראַדיאָגראַם פֿון פּאַרטיזאַנער-שטאַב אין מאָסקווע דיך אַהין אַריבערצושיקן. גרייט זיך צו. מאָרגן וועלן דרײַ באַוואָפֿנטע פּאַרטיזאַנער דיך באַגלייטן צו אונדזערן אַן עראָדראָם. דאָרטן וועט זיך אַראָפּלאָזן אַן עראָפּלאַנדל און וועסט אַריבערפֿליִען דעם פֿראָנט. איך מוז דיך וואָרענען, אַז די וועגן-שטעגן זענען פֿול מיט סכּנות, נאָר אַז מען האָט מזל איז דער שׂכל אין די פּיאַטעס.

— און אַ ביסל אינעם קאָפּ אויכעט — נעם איך שפּילן די ראָלע פֿון אַ קאַלטן לונג-און-לעבער.

— ניין, דער עיקר: האָבן שׂכל אין די פּיאַטעס — עקשנט זיך דער קאָמאַנדיר. — אַז דו שפּאַנסט איבער אַ מינענפֿעלד, וואָס ווייס דער קאָפּ דײַנער ווו די מינע לאָקערט? אַן אמתער פּאַרטיזאַנער איז דער, וואָס לאָזט אַרונטער די נשמה אין די פּיאַטעס.

אַז קים האַלט אין ריידן, דערפֿיל איך אין מײַנע פּיאַטעס אַ גלוּוקייט: אויף זיי הענגט מײַן לעבן.

ס׳וואַקלט זיך אַרײַן טראָפֿים קאָפּעלקאָ. זײַן הילצערנער פֿוס, לויפֿט מיר דורך אַ געדאַנק, איז ווײַסער פֿון זײַן געוויסן. ער פֿאַרטרויט עפּעס דעם קאָמאַנדיר אויפֿן אויער.

— בלויז די מיידלעך! — צאָרנט אויס קים און שרײַבט זיך אונטער אויף אַ צעקנייטשט פּאַפּירל. — און קיינעם צו מיר ניט אַרײַנלאָזן, קיינעם.

קים דערנענטערט זיך. ס׳ווערט נענטער און פֿאַרטרוילעכער זײַן קול:

— האָסט געהערט: מיידלעך. די סודות פֿון די וואָרצלען רוישן אויס די צווײַגן. לאָמיך דיר פֿון דעסטוועגן באַשיידן די רעטעניש: איבערצײַגט זיך אַז מיר זענען שטאַרקער פֿון זייערע אַרמייען, אַז די וועלדער זענען קבֿרים פֿאַר זייערע גענעראַלן, האָבן די גערמאַנצעס אויסגעקליגלט אַ פֿאָרטל צו באַהערשן די פּאַרטיזאַנער אָן איין שאָס: האָבן געפֿאַנגען מיידלעך, איינע שענער פֿון דער אַנדערער, זיי אָנגעשטעקט מיט סיפֿיליס, גוט זיי אויסגעשולט און זיי אַרײַנגעלאָזן ווי פֿוקסיכעס אין די וועלדער אָנצושטעקן מיט סיפֿיליס אונדזערע בעסטע, בלוטיקסטע יונגען. כ׳וועל ניט לייקענען, זיי איז היפּש געראָטן די טײַוולשפּיל, נאָר די מערסטע מיידלעך צאַפּלען זיך אין אונדזער נעץ. איך האָב פֿריִער אונטערגעשריבן פֿאַר זיי אַן אורטייל.

קים דערלאַנגט זיך אַ הייב פֿון בענקל און ער נעמט אַרומשפּאַנען אויף די טריט פֿון זײַן שאָטן:

— איך קלער ניט וועגן די מיידלעך, זאָלן זיך וואָרגן מיט זיי די זומפּן. איך קלער וועגן די קראַנקע חבֿרים, אָפּטייל-קאָמאַנדירן,

The silence freshly frozen in space was splashed by the supple steel of the horse laugh.

I woke up under a face crucified by three burning dark eyes. The third eye was the fire of a pipe.

"My name is Trofim Kopelko," the nocturnal messenger introduced himself. "Commander Kim ordered me to bring you to headquarters."

Why this game, since we know each other? Why does he play a cat when he usually plays the dog? That's what I think, but I don't ask any questions. I grab my fur coat, insert a bullet in my rifle, stride out of my dugout into the disturbed silence, following the traces of a boot and a wooden leg.

The suspicion of my comrades accompanies me from the dugout. The breath of their looks puffs the sparks in my spine.

When we are both sitting in the saddle, I behind him, Trofim Kopelko orders his little Tartar:

"Get the horses drunk so they'll gallop faster, but don't forget to leave some for the three of us."

The little Tartar unties a flask of homebrew from his saddlebag and pours it in the gaping maws of the horses, first ours and then his.

Feeling a burning springtime in their guts, the horses lash themselves with the whip of their tails and their joyous gallop swallows the forest miles. The little Tartar bounds ahead of our panting horse and feeds fire to the demanding pipe.

Single shots, like overtones of nearby wolves, crease the space.

The last hairy snows, like frightened rabbits, slide down fir branches.

Our drunk stallion stands on his hind legs and we metamorphose into a marble monument.

Trofim Kopelko gropes in the forest with his nostrils:

"Enemy shots. I know them by their echo. A defeated army is closing in on our bases. Before the sun slices the ice, we must gallop over the Myastra!"

The little Tartar zigzags deeper into the forest. I imagine: he wants to gather the shots . . . and he catches up with us in the middle of the lake on the splitting ice.

Dawn swings on a branch on the horizon: a purple ghost.

### *V*

Trofim Kopelko leads me to the commander's dugout. The silence in the earthen hut — a secret map. And springtime is not just overhead, a partner of the sun, springtime is down here too, in the veins of the earth, its rain smell wafts from inside, in the branch-covered dugout.

A warm, trusty hand clutches mine. I notice that the brigade commander has changed: the creases on his young face are older now than the face itself. And his beard, blond as a newly plucked chick, is too mild for his deep creases:

"You want to know why I called you in a hurry. Here's why: I received a radiogram from partisan headquarters in Moscow to send you there. Get ready. Tomorrow, three armed partisans will escort you to our airstrip. There, a small plane will land and fly you over the front. I must warn you the roads are full of danger, but, if you're lucky, you've got your wits in your feet."

"And a little bit in your head too," I play the role of a cold fish.

"No, the main thing is: keep your wits in your feet," the commander persists. "When you walk through a minefield, what does your head know about the mines lurking? A true partisan puts his soul down in his feet."

As Kim goes on talking, I feel a glow in my feet: my life hangs on them.

Trofim Kopelko teeters in. His wooden leg, it occurs to me, is cleaner than his conscience. He whispers something in the commander's ear.

"Only the girls!" Kim rages and signs a crumpled piece of paper. "And don't let nobody in, nobody."

Kim comes close. His voice sounds closer and more trusting:

"You heard: girls. The branches whisper the secrets of the roots. Let me solve the riddle for you: the Germans, convinced that we're stronger than their armies, that the forests are graveyards for their generals, came up with a clever trick to subdue the partisans without a single shot. They caught girls, every one prettier than the next, infected them with syphilis, trained them thoroughly and unleashed them like foxes into the forests to spread syphilis among our best, heartiest boys. I won't deny it, the devil's game worked pretty good. But most of the girls are caught in our net. I just signed their sentence."

Kim leaps up from his stool and paces back and forth in the traces of his shadow:

"I don't care about the girls, let the swamp choke on them. I care about the diseased comrades, company commanders, heroes. I'm keeping them in a dugout under guard but I can't drag it on for long. And I can't let them go either. We're about to meet a defeated enemy army. The horns of a gored ox are stronger than his own body. Trofim Kopelko advises giving the same sentence to the gentlemen as to the ladies. Don't stand on ceremony. But now, things are changed: I'm sending you over the front. When you fly to the other side and get to partisan central headquarters, tell them about the diseased boys and let them decide *there* what to do — —"

# גליקעלע

## א

צו ערשט האָב איך דערהאַלטן איר בריוו: ניט קיין האַנטשריפֿט נאָר אַ האַרצשריפֿט, אַזאַ וואָס מע זעט בלויז אויף דער פּאַפּיר-האַרמאָשקע פֿון אַ קאַרדיאָגראַם: פֿיאָלעטע צוקענישן פֿון קליינע בליצן, וואָס אומגעבעטן זאָגן זיי אָן אַ נאָענט פּלאַצנדיקן דונער.

כ׳האָב ניט באַוויזן צו באַשיידן די סודות פֿון איר בריוו און זי איז דאָ אַליין, אַ ממשותדיקע, אַ ריידעוודיקע, און די זעלביקע פֿיאָלעטע צוקענישן וואָס אין בריוו זענען אויסגראַווירט אויף איר זילבערלעכן פּנים.

איז דאָס גליקעלע, מײַן ערשטע ליבע? גליקעלע די רויטהאָריקע, די נײַניאָריקע?

אירע צעפּ זענען אויסגעשפּונען פֿון אַלטן אַש און די שפּינדלען אין די האָר זענען פֿאַרזשאַווערטע.

נאָר פֿאַראַן אַ קול וואָס פֿאַרגעדענקט זיך ווי אַ טעם פֿון די קינדער-יאָרן, דער אַ טעם פֿון איר קול האָט זיך ניט געביטן.

— איך ווייס ניט ווי אָנצוהייבן — האָט זי אָנגעהויבן. — דו מיינסט איך בין אַן אַנדערע, ס׳איז ניט אמת. יעדער מענטש איז טאַקע ענלעך צו אַן אַנדערן, אַ סך מער ווי צו זיך, נאָר איך בין ענלעך צו זיך אַליין ווי צוויי טראָפּנס גאַל. יאָ, איך ווייס ניט ווי אָנצוהייבן, אַזוי ווי כ׳ווייס ניט מײַן עלטער איידער איך בין געבוירן געוואָרן. דעריבער וועל איך אומדערבאַרעמדיק שווײַגן און פֿרײַ לאָזן די צונג: צונג-צונג, שפּיל אויס מײַן פֿאַרשפּילטע וועלט, אַניט וועל איך עמעצן דערמאָרדן.

אַז גליקעלע האָט פֿרײַ געלאָזן איר צונג, האָט איר היימיש קולכל זיך אַרײַנגעצערטלט אין מײַן אויער מיט דער זעלביקער פֿידלדיקייט ווי העט אַ מאָל. אויך די אויגן אירע, האָב איך אַ קלער געטאָן, זענען די אַמאָליקע, די יונגמיידלישע: גרינע זייגערלעך וואָס בײַ נאַכט פֿאָספֿאָרירן זיי. אַוודאי איז די פֿרוי גערעכט: זי איז ענלעך צו זיך אַליין ווי צוויי טראָפּנס גאַל. נאָר פֿאַר וואָס, צײַנדלען מײַנע שלייפֿן, איז די זעלביקע אַן אַנדערע?

— דײַן בעסטער פֿרײַנד איז דער יעניקער וואָס דו באַגעגנסט אים אין חלום, תּמיד וואָרנט ער און קיין מאָל פֿאַרראַט ער ניט — האָט גליקעלע אָדער איר צונג מיך געקאָרמעט מיט אירע געדאַנקען. — און דער אַ חלום-פֿרײַנד האָט מיר פֿאַרטרויט באַפֿוילן, ווי נאָר די מלחמה קעגן מיר האָט זיך אָנגעהויבן, אַז ווו נאָר איכ׳ל פֿאַרוואָגלט ווערן, זאָל איך מיטנעמען בעתן וואָגל דעם טאַטנס חלף. איך האָב שוין יעמאָלט געטראָגן אונטערן האַרצן אַ לעבעדיקן חלף, אַ וואַרעמען, כ׳האָב אָבער אַזוי געטאָן און מיטן קאַלטן חלף באַשיצט מײַן וואַרעמען.

— געדענקסט, גליקעלע, ווען מיר זענען ביידע געווען קינדער, האָב איך מיט דײַן טאַטנס חלף אויסגעשניצט פֿאַר דיר אין וואַלד אַ שטעקעלע.

— מײַן זכּרון איז מײַן צירונג. הער אַקאָרשט וואָס געשען איז ווײַטער: זאַלבע דריט, איך מיט ביידע חלפֿים, זענען מיר אַנטרונען פֿון פּאָנאַר, פֿון אונטער אַ שווערער קאָלדרע מיט מתים. געווען אַ ווינטערנאַכט, נאָר כ׳האָב ניט געפֿילט אַז איך בין מוטער-נאַקעט.

וווּהין? וווּהין איך זאָל ניט גיין, וועל איך קיין גליקישאָק ניט דערגיין. אָבער גיין, לויפֿן אַהין אָן-אָטעם, דאָס ציט מיך. אונטער מיר דער שניי האָט ניט אַרויסגעלאָזן קיין פּיפּס, ווײַל כ׳האָב געטראָטן אַ באָרוועסע. אַז כ׳האָב זיך אומגעדרייט זענען די צייכנס פֿון מײַנע טריט ליכטיקע טרעפּ געוואָרן, צו וועמען ווייס איך ניט. ווי מיינסטו, אליהו הנבֿיא קאָן זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר אַ פּויערטע?

— אַז ער קאָן זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר אַ בעטלער, אַ קונצן-מאַכער, קאָן ער זיך אויך פֿאַרשטעלן פֿאַר אַ פּויערטע.

— אַזוי זאָלן מיר ביידע לעבן ווי איך קלער דאָס אייגענע. די נײַנציק-יעריקע פּאַפּושאַ איז געווען אליהו הנבֿיא. זי האָט מיך אויסבאַהאַלטן אין איר כאַטע, אינעם קאָטוך אונטערן אויוון: דאָס קרייען און דאָס גאָגערן פֿון די עופֿות אין קאָטוך זאָל פֿאַרפֿילדערן דאָס געוויין פֿון מײַן יינגעלע וואָס כ׳האָב דאָרטן געבוירן.

ווייסטו פֿון אַ טאָג אין שוואַרצע תּכריכים? איך ווייס! אין קאָטוך האָט מיך אָנגעצונדן אַ טיפֿוס און בלײַבן דאָרט לענגער איז געווען אַ סכּנה פֿאַרן קינד. ווי מיינסטו, אליהו הנבֿיא קאָן זיך אָנשטעקן פֿון אַ טיפֿוס?

— איך ווייס ניט...

גליקעלע האָט מיך אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם:

— לאָמיר מאַכן אַ שפּאַציר אין יענער געגנט.

בעת מיר האָבן ביידע זיך געלאָזן צו דער טיר און ביידנס קעפּ זענען אַדורכגעשוווּמען דעם הענגענדיקן שפּיגל, האָב איך דערזען און דערפֿילט, אַז מײַן וואָרע עקסיסטענץ איז טאַקע דאָרטן אינעווייניק, אינעם הענגענדיקן שפּיגל.

## I

First I got her letter: not handwriting but heartwriting, the signs you see on the paper accordion of an electrocardiogram: violet scratches, short flashes which, without warning, announce an impending, crashing thunderclap.

Barely did I have time to plumb the secrets of her letter when here she is in person, in flesh and blood, chatty, the same violet scratches as in her letter etched on her silvery face.

Is this really Glikele, my first love? Glikele, the redhead, nine years old?

Her tresses are webs of old ash and the pins in her hair are rusty.

But her voice brings back the savor of childhood years, the savor of that voice is not changed.

"I don't know how to begin," she began. "You think I'm somebody else but that's not true. Every person is like somebody else, much more than himself, but I am only like myself, like two drops of gall. Yes, I really don't know how to begin, just as I don't know my age before my birth. So I'm going to shut up, ruthlessly, and let my tongue run free: Tongue-tongue, play out my lost world, or else I'll kill somebody."

When Glikele let her tongue run free, her familiar little voice crept into my ear with the same fiddle tone as before. Her eyes too, I thought, are the same as before, the eyes of a girl: two little green watches with a phosphorescent glow in the dark. Surely the woman is right: she is only like herself, like two drops of gall. But why, hammers my skull, is the same another?

"Your best friend is the one you meet in a dream, he's always warning you and never betrays you," Glikele or her tongue said to me, nourishing me with her thoughts. "And that dream friend ordered me confidentially, as soon as the war against me began, to take my father's sacrificial slaughtering knife with me wherever I went. I already carried a warm, living slaughtering knife next to my heart. But I obeyed and, with a cold slaughtering knife, I protected my warm one."

"Do you remember, Glikele, when the two of us were children, I whittled a little stick for you in the forest, with your father's slaughtering knife?"

"My memory is my treasure. Listen to what happened: the three of us, I and my two slaughtering knives, ran away from Ponar, from under a heavy blanket of corpses. It was a winter night but I didn't feel I was naked as the day I was born.

"Where to go? Where? No Luckytown anywhere. But go, run away from here, till you're out of breath. Under my feet, the snow didn't make the slightest peep, for I was barefoot. When I turned around, the traces of my footsteps had become steps of light rising to I don't know who. What do you think? Can Elijah the Prophet disguise himself as a peasant woman?"

"If he can disguise himself as a beggar, a magician, he can also disguise himself as a peasant woman."

"As true as I wish both of us long life, so I believe in it. The ninety-year-old Papousha was Elijah the Prophet. She hid me in her hut, in a chicken coop under the oven so the cackling and squawking of the chickens would smother the crying of the child I gave birth to there.

"Do you know what is a day in black shrouds? I do. In the chicken coop, typhus consumed me and to stay there any longer was dangerous for the child. What do you think? Can Elijah the Prophet catch typhus?"

"I don't know . . ."

Glikele took me by the arm:

"Let's take a stroll in the other region."

When the two of us went toward the door and our two heads swam through the hanging mirror, I saw, I realized that my real existence was there, inside the hanging mirror.

Her arm in mine, like a squirrel curled around a branch, we let ourselves



ב

איר אָרעם אונטער מײַנעם, ווי אַ וועווערקע אַרום אַ צווײַג, האָבן מיר ביידע זיך געלאָזן אַהין, אין יענער געגנט.

אַז גליקעלע איז צו מיר אַרײַן, האָט מיט פֿאַרבן און ריחות געשלאָגן דער צײַטיקער זומער און די זון האָט געקילט אירע מוסקלען אין טײַך. אַצינד איז דער אָרון פֿונעם טײַך אונטער אַ שווערן אײַזיקן צודעק און סע פֿאַלט פֿון אַ הימלשער ניט-געלאָשענער שׂרפֿה אַ העל גרויער שניי.

פֿון צווישן העל גרויען שניי טוקט זיך אַרויס אַן איין-און-איינציקע כאַטע מיט אַ שטיוולדיקן קוימען. אַ געבויגענע זקנה מיט אַ האָרמע צווײַגן היפּערט אַהין צו און בײַ דער זײַט שפּרינגט אַ כּלבֿ מיט אַ נאָגנדיקער בילעניש און רודערט אָוועק מיט זײַנע לאַפּקעס אונטער זיך די ערד.

— גליקעלע, דאָרטן האָסטו געבוירן דאָס קינד — ווײַז איך אָן אויף דער כאַטע. — איך זע דײַנע געדאַנקען, ווי איך זע לעבן אונדז די ווערבעס. איך קאָן זיי אויך אָנטאַפּן, דײַנע געדאַנקען, ווי כ׳קאָן אָנטאַפּן די ווערבעס.

— אונטערהאַקן אָדער אָפּזעגן, דאָס קאָנסטו זיי אויך?

— ניין, דאָס קאָן איך ניט. אפֿשר איז ריכטיקער צו זאָגן: איך וויל ניט.

— אויב אַזוי איז איבעריק די צונג, דו זעסט דאָך מײַנע געדאַנקען במילא.

— גליקעלע, האָסט פֿריִער געוואָלט זאָגן, אַז דאָרטן האָסטו אויך איבערגעלאָזן דאָס קינד.

— אמת.

— אַ טיפֿוס-קראַנקע, און ברענענדיק אין רויך ווי אַ שטורקאַץ, ביסטו אַנטרונען הינטער דער גרינער אָזערע. אין יענעם וואַלד האָסטו זיך אײַנגעמאָסטעט אויף אַ יאָדלע און די מאַמע-יאָדלע האָט מיט רחמים דיך אײַנגעוואַרעמט אונטער איר קאָרע; שפּעטער האָסטו געהאַט אַ גאַסט: אַ וועלפֿיכע. דו האָסט געזויגן איר וואַרעמע מילך און די מילך איז דיר געווען צו אַ רפֿואה.

— אַנשטאָט מײַן קינד זאָל זייגן האָב איך געזויגן... ווי מיינסטו, די וועלפֿיכע לעבט?

— ניין, גליקעלע, די וועלפֿיכע איז לאַנג שוין אויף יענער-וועלט. ס׳האָט זי דערשאָסן דער זעלביקער וואָס אויך אין דיר האָט ער געצילט זײַנע קוילן. ביסט אָבער יעמאָלט אַראָפּגעשפּרונגען פֿון דער יאָדלע און דײַן חלף האָט איבערגעשניטן זײַן אָטעם.

— אויב אַזוי וועל איך צינדן אַ ליכט פֿאַר דער נשמה פֿון דער וועלפֿיכע.

ג

וואָס נענטער מיר זענען דערגאַנגען צו דער כאַטע, אַלץ מער האָט זיך יענע דערווײַטערט. אויך דאָס בילעניש פֿון דעם כּלבֿ, אָנגעסיליעט אויף אַ זילבערן שנירל, האָט זיך בילנוויַז צעשאָטן איבערן שניי. אַנטקעגן אונדז איז אויסגעוואַקסן אַ מירמלנע פֿעסטונג: שפּאַנען ווײַטער איז פֿאַרבאָטן.

צוריקוועגס דורכן העל גרויען שניי, איז ווידער די געגנט געוואָרן זומערדיק.

שטערנצײַט זענען מיר אַרײַן אין דער לעבעדיקער שטאָט. יונגע פּאָרלעך, ווי אָדלערס מיט פֿונאַנדערגעשפּרייטע פֿליגל, האָבן זיך געצויגן אויף רויב — נאָך די אייגענע לײַבער.

גליקעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ אַ פֿאָנטאַן וווּ אַ וואַסער-טענצערין רײַסט פֿון זיך די בגדים:

— איצטער זעסטו אויך מײַנע געדאַנקען?

— דו ווילסט איך זאָל דיר אָנווײַזן ווער פֿון די פֿאַרליבטע איז דײַן זון.

— איך זוך אים פֿון זינט כ׳האָב אים פֿאַרלוירן. און יעדער מאָל ווען איך געפֿין אים, ווער איך אָפּגעגאָסן מיט קאָכעדיקן בלײַ: ס׳איז אַן אַנדערער.

און דאָ האָט זיך גליקעלע אַ ריס געטאָן סײַ פֿון מיר, סײַ פֿון באָדן און איז געפֿאַלן אויף די קני פֿאַר אַ צעפּאַטלטן בחור וואָס האָט געקושט אַ מיידל אויפֿן מיטן גאַס.

— פּאַפּושאַ, פּאַפּושאַ — האָט גליקעלע אויף דער ערד געהעשעט, אַז איר זון זאָל זיך אין עפּעס דערמאָנען.

דער יונגער-מאַן האָט אַרויסגעקלאַמערט פֿון זײַנע אָרעמס די מיידל, אויפֿגעהויבן גליקעלען פֿון דער ערד, און זי אַ גלעט געטאָן איבער די צעפּ, די געשפּונענע פֿון אַלטן אַש.

אַצינד האָב איך גליקעלען אונטערן אָרעם גענומען. זי איז געווען לײַכט, ווי די ערד אונטער איר וואָלט פֿאַרלוירן דעם כּוח פֿון צוציִען. אירע גרינע זייגערלעך האָבן אָנגעהויבן פֿאָספֿאָרירן:

— ווידער אַן אַנדערער... ביז ווי לאַנג וועט ער זײַן אַן אַנדערער?

1977

When Glikele had come to me, the ripening summer was bursting with colors and odors and the sun cooled its muscles in the stream. Now the stream, as in a coffin, lies under a heavy cover of ice and a pale gray snow falls from the unextinguished fire in the sky.

In that pale gray snow, a single hut stands out with a chimney in the shape of a boot. A stooped old woman, loaded down with an armful of branches, hobbles over to us; at her side a dog barking shrilly leaps and scratches the earth under his paws.

"Glikele, that's where you gave birth," and I point to the hut. "I see your thoughts as clearly as I see the willows next to us. I can feel them as I can feel the willows."

"Cut them down or saw them up, can you do that too?"

"No, that I can't do. Maybe it's better to say: I don't want to."

"Then the tongue is superfluous since you know my thoughts anyway."

"Glikele, what you wanted to say just a moment ago is that there, you also abandoned the child."

"True."

"Suffering from typhus and burning like a torch, you ran away beyond the green pond. In the forest, you crept up to a fir tree and the merciful fir tree warmed you like a mother with her bark; later you had a guest, a she-wolf. You sucked her warm milk and that milk cured you."

"Instead of my child, I was the one who sucked. Do you think the she-wolf is still alive?"

"No, Glikele, the she-wolf has been in the other world for a long time now. The one who brought her down is the one who aimed his bullets at you. But you leaped down from the fir tree and your slaughtering knife sliced his breath."

"If that's how it was, I shall light a memorial candle for the soul of the she-wolf."

*III*

The closer we got to the hut, the farther it receded. The dog's barking also, strung on a silver thread, scattered its yelps in the snow. A wall of marble grew opposite us: Forbidden to Approach.

On the way back, through pale gray snow, the region grew summery again.

When the star[illegible]came out, we entered the living city. Young couples, like eagles with wings spread, were lying in wait for their prey — their own flesh.

Glikele stopped at a fountain where a water-dancer was ripping off her clothes:

"Now do you see my thoughts?"

"You want me to show you which of the lovers is your son?"

"I've been searching for him ever since I lost him. Every time I find him, it's as if a flow of melted lead were poured over me: it's always somebody else."

At that moment, Glikele tore herself away from me, fell on her knees before a disheveled young man who was kissing a girl right in the middle of the street.

"Papousha, Papousha," Glikele stammered from the ground, to stir some memory in her son.

The young man, freeing the girl from his embrace, picked Glikele up from the ground and stroked her hair spun of old ash.

Now it was I who took Glikele by the arm. She was light, as if the ground underneath her had lost the force of gravity. Her little green watches began to gleam with a phosphorescent glow:

"Again somebody else . . . How long will he be somebody else?"

*1977*

# דער בעטלער אין די בלויע ברילן

### א

דו זעסט אַ בעטלער, אַ בינטל גייענדיקע שמאַטעס. אָדער אַ בעטלערהאַנט ווי אַ מושל, אַרויסגעשנעלט פֿונעם ים אויף דער יבשה און עס פֿעלט אַן אויער צו פֿאַרנעמען איר געוויין. אָדער אַ בעטלער-קאַליקע, וואָס די פֿיס האָבן אים פֿאַרראַטן און זענען אַוועק צו אַן אַנדערער — און דו שפּאַנסט אים פֿאַרבײַ מיט אַנטימאַגנעטישע געדאַנקען.

ס'פֿאַלט דיר ניט אײַן צו שליסן קאַנטשאַפֿט. ביסט ניט נײַגעריק צו פֿרעגן דעם נאָמען זײַנעם און צי ס'האָט אים געבוירן אַ מאַמע. און צי די מאַמע איז געווען אַ מאָל אַ מיידל?

נאָר ס'געשעט: בײַם פֿאַרבײַשפּאַנען אַ בעטלער, יאָגט דיר נאָך אַ געדאַנק, ווי אַ בליץ-לאָשיקל יאָגט נאָך אַ וואָלקן: ווילסט אַרויס-קנײַפּן פֿון זיך די נעכטיקע זינד. יעמאָלט שטעלסטו זיך אָפּ און לאָזסט אַרונטער פֿאַרן בעטלער אַ מעטאַלענעם טראָפּן. ווערט גרינגער אויפֿן געוויסן און — שוין. ביסט ניטאָ. אָן אַ וואָרט. אָן אַ שמייכל.

אַלמאַי זאָל איך לייקענען? איך האָב אויך זעלטן אַ שמייכל געטאָן צו אַ בעטלער. אַפֿילו זעלטן אָפּגעשמייכלט צוריק, ווי איך טו עס יאָ בײַם גוטמאָרגן פֿון אַ סקעלעט. ס'האָט געדויערט אַזוי לאַנג און אַזוי קורץ, ביז... ביז דער ממונה איבער מײַן פֿעדער האָט באַשלאָסן אַז איך מוז אָנשרײַבן די דאָזיקע דערציילונג.

און ער האָט אויסגעפֿורעמט לכּבֿוד מיר אַ בעטלער אין בלויע ברילן.

### ב

דער בלויברילנדיקער האָט זיך געיאַוועט אויפֿן ראָג פֿון מײַן שמאָלער גאַס, לעבן זונפֿאַרגאַנג-רויטן פּאָסטקעסטל וואָס איך קאָרמע אים שוין יאָרן, ווי אַ לעבעדיק באַשעפֿעניש, מיט מײַנע פֿרײַנד און אומפֿרײַנד. קאָן זײַן, ער איז דאָ געשטאַנען און געבעט-לערט אויך פֿריִער און כ'האָב אים געזען אויך, אָבער פּלוצעם האָב איך אים דערזען. פֿון זען ביז דערזען איז אַ ווײַטער מהלך.

ס'איז געשען אַזוי:

באַגינען האָב איך אַרויסגעאײַלט פֿון שטוב אין דער גאַס אַרײַן און מיטגעטראָגן אַ נאָך-וואַרעמען בריוו צום רויטן פּאָסטקעסטל. די שטאָט איז נאָך געווען ליידיק, אָן אַ מענטשן-פּאַרע. צוויי פֿייגל האָבן זיך איבערגעזונגען פֿון שלאָף.

אַז כ'האָב שוין געהאַלטן דעם קאָנווערט בײַם זשאַווערדיקן מויל פֿון פּאָסטקעסטל, האָב איך פֿאַרנומען פֿון איבער דעם אַ קול אויף מאַמע-לשון:

— אַ גולם גיט מען יאָ אַ נדבֿה און אַ בעטלער ניט?

און יעמאָלט האָב איך צום ערשטן מאָל אים דערזען. אַזוי שווימט אַרויס אַ בוים פֿון אַ נעפּל.

אַחוץ זײַנע בלויע ברילן האָט זיך באַלד אײַנגעמאָלט אין געדע-כעניש אַ בערדעלע, ווי אַ רעטעך אָקערשט אַרויסגעצויגן פֿון דער ערד.

און די בלויקייט פֿון זײַנע ברילן, אין וואָס דערמאָנט זי? אין די בלויע שפּליטערלעך גלאָז, קינדווײַז געפֿונענע, און וואָס אַן אוצר קאָן אַזוי ניט דערפֿרייען.

זאָל דאָס פּאָסטקעסטל הײַנט הונגערן, האָב איך באַשלאָסן. איך בין שוין געווען צופֿרידן וואָס דעם בעטלערס טענה איז די סיבה דערצו: דעם בריוו האָב איך געשריבן צו אויפֿגערייצט, מיט אַ ייִנגליש ניט-געצוימטער קינאה צו דער געשטאַלט וואָס איך האָב ליב. און וואָלט, חלילה, דער אײַזערנער גולם אים אײַנגעשלונגען, וואָלט איך געזוכט אַ שוועבעלע אַרײַנצוצינדן אינעווייניק.

איך האָב צעריסן דעם בריוו מיטן קאָנווערט אויף פּיץ-פּיצלעך און די קינאה אין מיר איז אויך צעפּיצלט געוואָרן. אָבער אַנשטאָט איך זאָל דעם בלויברילנדיקן דאַנקען איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון מײַן צונג אַ נאָדל און אים אַ שטאָך געטאָן:

— אַזוי פֿרי בײַ דער אַרבעט?

ס'האָט אַ מיניע געטאָן אַ ביינערדיקער שמייכל:

— אַ לײַכט לעבן האָבן בלויז די טויטע. ווען די לעבעדיקע וואָלטן וויסן ווער איך בין וואָלטן זיי געקומען צו מיר אַזש פֿון האָנאָלולו.

— זאָל דאַכטן, איך קום פֿון האָנאָלולו. נאָר קודם לאָמיר זיך באַקענען — האָב איך אים צוגעוואָרפֿן אַ האַנט. — מײַן שטיקל נאָמען איז...

— אַ בעטלער און אַ תּלין גיט מען קיין האַנט ניט, און אויב מען גיט שוין יאָ, איז נאָר מיט אַ מטבע צוזאַמען. — האָט ווידער אַ מיניע געטאָן אַ ביינערדיקער שמייכל.

צו מײַן שלימזל האָב איך געהאַט פּוסטע קעשענעס. דער בלוי-ברילנדיקער האָט זיך אויף מיר מרחם געווען:

— אַז מ'איז אַן ערלעכער מענטש, ברענגט מען אַ חובֿ אין שטוב אַרײַן. אָט איז מײַן וויזיט-קאַרטל.

דערווײַלע איז די שטאָט געוואָרן באַוועגעוודיק. פֿון די מויערן האָבן זיך אַרויסגעשאָטן ציגל און זענען געוואָרן אײַלנדיקע מענטשן. אויטאָס האָבן זיך געטאַשט ווי קאָרטן. דער זונאויפֿגאַנג איז אויפֿ-געגאַנגען ביזן זיבעטן הימל.

---

## *The Beggar with Blue Eyeglasses*

### *I*

You see a beggar, a bundle of walking rags. Or a beggar's hand, a shell cast out by the sea onto the shore: no ear to listen to its weeping. Or a beggar-invalid, his legs have betrayed him, gone to someone else — and you pass by him with antimagnetic thoughts.

The idea of getting to know him doesn't occur to you. You're not curious to ask him his name or if a mother gave birth to him. Or if that mother had ever been a maiden.

But sometimes it happens: passing by a beggar, an idea pursues you, as a lightning colt pursues a cloud: You want to get rid of your past sins. So you stop and let a metal drop fall onto the beggar. Your conscience is eased — that's all. You're not there. Without a word. Without a smile.

Why deny it? I too seldom smile at a beggar. Seldom even smile back, although I answer a skeleton's greeting. Things went on like that for a while, a long while, a short while, until . . . until whoever is in charge of my pen decided I must write this tale.

And for my sake, he created a beggar in blue eyeglasses.

The man with blue eyeglasses made his appearance at the corner of my narrow street, next to the sunset-red mailbox I stuffed for years, like a living creature, with my friends and enemies. Quite possibly he had stood there before and begged and it could be that I had already seen him but, all of a sudden, I *noticed* him. It's a long way from seeing to noticing.

It happened like this:

One fine morning, I dashed out of my house into the street, carrying a still warm letter for the red mailbox. The city was still empty, without a human breath. Two birds sang to each other in their sleep.




*Yonia Fain, illustration to "The Beggar with Blue Eyeglasses."*

I was already holding the envelope at the rusty gullet of the mailbox when, behind it, a voice came to me speaking my mother tongue:

"A golem you give alms and a beggar not?"

And then, for the first time, I noticed him. As you notice a tree surfacing out of a fog.

Aside from his blue eyeglasses, a goatee, like a radish just pulled up from the ground, is etched on my memory.

And the blue of his eyeglasses — what did they remind me of? Splinters of blue glass, found in childhood, that give you more joy than the discovery of a treasure.

Let the mailbox go hungry today, I decided. Anyway, I was content to have the beggar's reproach as an excuse: I had written that letter to my

אויף מאָרגן און איבערמאָרגן האָב איך דעם בעטלער אין די בלויע ברילן בײַם פּאָסטקעסטל ניט מער דערזען. כ׳האָב שוין אָנגעהויבן קלערן: אַ טרוימגעשטאַלט. אַ קאָשמאַר. נאָר אָט האָב איך דערטאַפּט אין אַ קעשענע זײַן וויזיט־קאַרטל:

האָראַצי אַדלקינד
פֿילאָסאָף און חכם

און די גאַס. און דער נומער פֿון דער שטוב. און דעם זעלביקן אָוונט בין איך אַוועק אים אָפּשטאַטן אַ וויזיט.

ג

ניין, דער אַדרעס איז ניט קיין פֿאַלשער, אומזיסט מײַן חשד. ער אַליין, דער פֿילאָסאָף און חכם, האָט מיט אַ ריטערלעכן קניקס מיך פֿאַרבעטן אין זײַן קאַמער. דאָ האָט ער אויסגעזען אַ קאַפּעלע אַנדערש: ער האָט געטראָגן אַ פּעלערינע אין קליאַשן און אַ יאַרמלקע פֿון זילבערנע פֿעדעם אויפֿן שפּיץ פֿון שאַרבן. זײַנע בלויע ברילן זענען געלעגן אויף אַ טישל איבער אַ שטויס פּאַפּיר, באַלויכטן פֿון אַ הענגענדיקן לאַמטערן.

— איצטער בין איך ניט קיין בעטלער, קען איך געבן אַ האַנט — האָט ער אַ שמועצער געטאָן. — און לאָמיר זיך דוצן. כ׳האָב ניט ליב דעם א י ר. ייִדיש איז מלא־טעם, אָבער אַ לויב צו לשון־קודש: אַ דוּיק לשון. אויף דו מיט בעטלערס און אויף דו מיט פּרינצן.

ער האָט מיר צוגעטראָגן אַ וויגשטול:

— קאָניאַק אָדער אַ גלעזל חכמה?

— זאָל זײַן אַ גלעזל חכמה, אָבער אַ שטאַרקס! — האָט זיך צעהוידעט אונטער מיר דער וויגשטול. — נאָר אײדער דאָס גלעזל גיט אַ ברי מײַן אויער, האָב איך אַ שאלה: צו וואָס די קאָמעדיע? דאָס פֿאַרשטעלן זיך פֿאַר אַ בעטלער?

— איין גלעזל חכמה איז פֿאַר דיר ווייניק — האָט ער זיך אײַנגעקאָרטשעט אין אַ וויגשטול אַנטקעגן איבער. — איטלעכער בן־אָדם ווערט געבוירן אין אַ מאַסקע: די הויט זײַנע איז די מאַסקע. פֿון דעסטוועגן ציט ער אַרויף נאָך מאַסקעס צו פֿאַרשטעלן די פֿריִערדיקע. ווען כ׳וואָלט זיך ניט פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ בעטלער, וואָלט איך באמת געווען אַ בעטלער.

— ווּ איז לאָגיק?

— לאָגיק פּלוס לאָגיק איז דעמאַגאָגיק! דו און אַזאַ שאלה. ס׳איז אַלץ אַ געוווינהייט. געוווין זיך צו און דו ביסט אַן אָדלער. ווען דער מענטש וואָלט געבוירן ווערן זיבנפֿיסיק וואָלטן מיר ביידע פֿאַר אים אויסגעזען וויסטע קאַליקעס. דער מענטש איז ניט קיין קאָסמישע חיה, ווי סע לערנט מײַן קאָלעגע שאָפּנהויער, נאָר דער מענטש איז אַ קאָסמישער מענטש, ווי עס לערנט האָראַצי אַדלקינד. און דער קאָסמישער מענטש, וואָס איך בין זײַן קלאַסישער מוסטער, מוז בײַטן זײַן הויטמאַסקע ניט נאָר אויפֿן פּנים. ער מוז בײַטן, דער טויט זאָל אים ניט געפֿינען. אויב אַזוינס הייסט בײַ דיר קאָמעדיע, איז דאָס אַ פּערזענלעכע טראַגעדיע. לאָמיר מישן די קאָרטן צוריק: וואָלט איך ניט געבעטלערט, וואָלטן מיך דײַנע שוואַרצאַפּלען אויסגעמעקט פֿון באַשטאַנד און דו וואָלטסט יאָ אַרײַנגעטאָן דײַן בריוו אין פּאָסטקעסטל. ווייסטו וואָס יעמאָלט וואָלט געשען?

— איך וואָלט זיך אויפֿגעגעסן אַ לעבעדיקער.

— פֿון אַזאַ מאכל וואָלט איר ביידע אויסגעגאַנגען פֿון הונגער: דו און זי.

ד

ביידע וויגשטולן און מיר אינעווייניק — צוויי עקן פֿון אַ שיף — האָבן זיך געהוידעט איבער זיפֿצנדיקע כוואַליעס. דער געוועזענער בעטלער אין די בלויע ברילן און דער איצטיקער פֿילאָסאָף און חכם האָראַצי אַדלקינד האָט געפּליעסקעט מיטן רודער:

— אַז דו ווייסט שוין דעם סוד פֿון מײַן פֿאַרשטעלן זיך, וועל איך אַנטפּלעקן דעם סוד פֿון מײַן אַנטפּלעקן זיך: ביסט מיר שולדיק אַ חובֿ. נאָר דער חובֿ דײַנער איז מער פֿון אַלע מטבעות וואָס איך האָב אײַנגעזאַמלט. אָט איז דער חובֿ דײַנער: מיך ירשענען! איך, דער קאָסמישער מענטש, האָב מער קיינעם ניט אויף אונדזער פּלאַנעטל. מײַנע נאָענטע און די נאָענטסטע זענען אַרײַן אין די גאַלאַקסן. דער איינציקער פֿרײַנד מײַנער איז אַ גאָר אַנדער באַשעפֿעניש. איך בין אַזוי עלנט, אַז כ׳האָב אַנוסטן זיך געבעטן בײַ אַ פּסיכיאַטער מיך קראַנק צו מאַכן אויף סכיזאָפֿרעניע, שפּאַלטן מײַן פּערזענלעכקייט, איך זאָל ניט זײַן אַזוי עלנט.

— ס׳האָט געהאָלפֿן?

— יאָ, כ׳בין געוואָרן טאָפּל עלנט.

— פֿון ד ע ם זאָל איך ווערן דײַן יורש?

— ניט פֿון דעם. איך וויל דו זאָלסט ווערן דער יורש פֿון מײַן חכמה, פֿון מײַנע אַפֿאָריזמען. איך האָב אָנגעשריבן זיבעציק טויזנט זײַטן.

— און וואָס, אַ שטייגער, זאָל איך מיט זיי טאָן?

— אַרויסגעבן אין זיבן הונדערט בענד, געבונדענע אין לעדער און געליישט אין גאָלד.

beloved in a state of agitation, stimulated by irrepressible, juvenile jealousy. And if, God forbid, the iron golem had swallowed it, I would have had to go search for matches and set fire to its innards.

I ripped letter and envelope into minuscule pieces and the jealousy in me crumbled into pieces too. But instead of thanking the man with blue eyeglasses, a needle jumped off my tongue and pricked him:

"Working so early?"

A bony smile twinkled on his face:

"Only the dead have an easy life. If the living knew who I am, they would even come from Honolulu to see me."

"Let's say I'm from Honolulu. But first, let's get acquainted." I held out my hand to him. "My name is . . ."

"To a beggar and a hangman you don't hold out your hand and, if you do, it's with a coin." A bony smile twinkled again.

To my misfortune, my pockets were empty. The man with blue eyeglasses took pity on me:

"An honest man settles his debts at home. Here is my card."

Meanwhile, the city started moving. A cascade of bricks fell off the buildings and became hurrying people. Cars were shuffled like cards. The sun had risen to the seventh heaven.

The next day and the day after, I did not see the beggar in the blue eyeglasses next to the mailbox. I was already beginning to think: a dream figure. A nightmare. But in my pocket, my fingers found his card:

Horace Adelkind
Philosopher and Sage

And the street. And the number of the house. And that very evening I went off to pay him a visit.

*III*

No, it's not a false address, my suspicion was in vain. He himself, the philosopher and sage, bowing courteously, led me into his room. Here, at home, he looked slightly different: he was dressed in a cape and a silver-embroidered *yarmulke* was perched on his skull. His blue glasses were lying atop a pile of papers on a little table illuminated by a hanging lamp.

"Now I'm not a beggar and I can give you my hand," he hissed. "And let's address each other familiarly. I don't like to be so formal. Yiddish is so juicy but praised be our Holy Tongue: a familiar language. Talking familiarly to the beggar and to the prince."

He pushed up a rickety chair for me:

"Cognac or a glass of wisdom?"

"A glass of wisdom, but a strong one!" My chair started to teeter underneath me. "However, before this glass goes to my head. I have a question: Why this comedy? Why the disguise of a beggar?"

"One glass of wisdom isn't enough for you," he said coiling himself into a rickety chair facing me. "Every human being is born with a mask: his own skin is the mask. Nevertheless, he puts on other masks to hide the previous one. If I didn't disguise myself as a beggar, I really would be a beggar."

"Where's the logic?"

"Logic plus logic equals demagogic! How can you ask such a question? It's all a matter of habit. Get used to it and you can be an eagle. If man was born with seven legs, the two of us would look like pitiful creatures in comparison. Man is not a cosmic animal, as my colleague Schopenhauer teaches; but man is a Cosmic Man, as Horace Adelkind teaches. And Cosmic Man, of which I am the classical example, is not content to change only the mask on his face. He must change so that death will not find him. If this is what you call comedy, that's a personal tragedy. Let's shuffle the cards again: if I hadn't been begging, your eyes would have wiped me out of the scene and you would have really put your letter in the box. Do you know what would have happened then?"

"I would have eaten myself alive."

"On that diet, the two of you—her and you—would have starved to death."

*IV*

Both rickety chairs and us inside—two ends of a ship—pitched on sighing waves. The former beggar with blue eyeglasses, currently philosopher and sage, Horace Adelkind, struck his oar:

"Since you already know the secret of my disguise, I am going to reveal to you why I revealed it to you: you owe me a debt. But your debt is more than all the coins I have collected. This is what you owe me: be my heir! I, the Cosmic Man, no longer have anyone on this planet. My friends and relatives have gone to the galaxies. My only friend is a strange creature. I am so alone that I have recently asked a psychiatrist to make me schizophrenic, to split my personality so I won't be so alone."

"Did it help?"

"Yes, I became twice as alone."

"Is *that* my inheritance?"

"Not at all. I want to leave you my wisdom, my aphorisms. I have written seventy thousand pages of them."

"And when you die, what should I do with them?"

— אײדער איך נעם אויף זיך דעם זיסן עול, װיל איך האָבן די זכיה צו הערן אײניקע אַפֿאָריזמען.

— אָט איז אײנער:

מיר האָבן זיך בײדע גוט פֿאַרשטאַנען,
איך און די גאָרילע.
פֿריִער שייל אַראָפּ פֿון מיר די קראַטעס,
האָט זי געזאָגט,
שפּעטער װעל איך מיט דיר שמועסן.

אַ צװײטער:

אַן אײנציקע רגע איז אַלט װי די צײַט.

אַ דריטער:

ביסט צו נאָענט מיר זאָלן זיך דערנענטערן,
ביסט צו װײַט מיר זאָלן זיך דערװײַטערן.

אַ פֿערטער:

"אײנער פֿון אײַך װעט מיך ניט פֿאַרראַטן"
האָט ישו געזאָגט צו זײַנע תּלמידים.
און דער אײנער איז געװען ע ר.

אַ פֿינפֿטער:

טרערן זענען פֿינקלענדיקע װערטער פֿון די אויגן.

אַ זעקסטער:

מענער זענען באַשאַפֿן אין מערצאָל,
פֿרויען — אין אײנצאָל.

אַ זיבעטער:

נאַרישער מאָלער,
האָב ניט קײן טענה צום בױם,
װאָס ער װאַקסט און בליט
רעאַליסטיש.

אַן אַכטער:

איך בין אַ קװאַרטיראַנט
אין אײגן לײַב.
מיט מײַנע טרערן
באַצאָל איך דירה-געלט.
אַז כ'װעל ניט האָבן צו באַצאָלן —
אַרױסװאַרפֿן װעט מיך דער בעל-הבית
אין קעלט און רעגן.

אַ נײַנטער:

צו פֿרי איז געװאָרן צו שפּעט.

אַ צענטער:

פֿון קײנעם בין איך דאָ ניט װײניקער
נאָר װײניקער פֿון זיך אַלײן.
פֿאַר זיך אַלײן בין איך אַ קלײנינקער
װאָס קױם אים שנײַדן זיך די צײן.

ה

מיט אַ קעציש‎ער פֿלינקשאַפֿט האָט האָראַצי אַדלקינד זיך אַ הײב געטאָן און אַרױסגעהעקלט פֿון אַ קײט אונטערן באַלקן דעם לאַמטערן און באַלױכטן מיט אים די שװער באַלאָדענע פּאָליצעס:

— טײַערער יורש! דאָ אַרום די װענט הױערן מײַנע שריפֿטן. מזל-טובֿ, זײ גײען אַריבער אין דײַן רשות. מײַן פֿאַרגאַנגענהײט איז מײַן צוקונפֿט.

אַ קױם-קױמיקער אָנקלאַפּ אין טיר.

זײַן קול איז געװען הײזעריק:

— ס'איז מײַן אײנציקער פֿרײַנד. אין דער אַ צײַט קומט ער דאָ אַרײַן. כ'האָב שױן פֿריִער מרמז געװען, אַז מײַן אײנציקער פֿרײַנד איז אַ גאָר אַנדער באַשעפֿעניש. ער איז אַ װאָרעם! אַ גרײַז-גרױער װאָרעם ברענגט עס מיר אַהער זײַנע געדאַנקען און איך פֿאַרשרײַב זײ. דער משורר סלאָװאַצקי איז געװען אַ סעקרעטאַר בײַ אַ מלאך, אַזױ דערצײלט ער, און איך, האָראַצי אַדלקינד, בין אַ סעקרעטאַר בײַ אַ װאָרעם. װילסטו איך זאָל אײַך באַקענען?

כ'האָב אים פֿאַרשטעלט דעם װעג:

— אַן אַנדערש מאָל. אױף הײַנט איז גענוג. איז דאָ פֿאַראַן אַ הינטערטיר?

האָראַצי אַדלקינד האָט אױפֿגעהױבן איבער מיר דעם לאַמטערן און מיך אַ צי געטאָן בײַם אַרבל:

— פֿאַראַן, פֿאַראַן... און װעסט מיטנעמען פֿון מיר אַ מתּנה: מײַנע בלױע ברילן. דו װעסט קענען זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר אַ בעטלער און װערן אַ קאָסמישער מענטש.

1978

"Publish them in seven hundred volumes, bound in leather, gilt-edged."

"Before I take on this sweet burden, I ask the privilege of hearing a few aphorisms."

"Here's one:

We understood each other perfectly,
The gorilla and I.
First peel off me these bars,
She said,
Then I'll talk with you.

"Another:

A single moment is as old as time.

"A third:

You are too close for us to get close,
You are too far away for us to be far.

"A fourth:

"One of you will not betray me,
Said Jesus to his disciples.
And *he* himself was the one.

"A fifth:

Tears are the sparkling words of the eyes.

"A sixth:

Men were created in plural
Women — in singular.

"A seventh:

Stupid painter,
Do not reproach the tree
For growing and blossoming
Realistically.

"An eighth:

I am the tenant
Of my own body.
With my tears
I pay the rent.
If I had nothing more to pay with —
The landlord would throw me out
In the cold and rain.

"A ninth:

Too soon has become too late.

"A tenth:

I am no less than anyone here

Except myself.
Only to myself am I a babe
Who has barely cut his teeth."

*V*

Nimble as a cat, Horace Adelkind leaped up, unhooked the lamp hung on a chain, and aimed it at the heavily loaded shelves:

"Dear heir! All around us, on every one of these walls, huddle my writings. Congratulations, they're yours now. My past is my future."

A barely heard knock on the door.

His voice grew hoarse:

"It is my only friend. It's his time to come. I hinted earlier that my only friend is a very strange creature. He's a worm! A white-headed worm, who comes to share his thoughts with me and I write them down. The poet Slowacki was the secretary of an angel, so he says, and I, Horace Adelkind, am the secretary of a worm. Would you like me to introduce you?"

I blocked his way:

"Some other time. That's enough for today. Is there a back door here?"

Horace Adelkind raised the lamp above me and pulled me by the sleeve:

"Of course, of course . . . and you are going to take a gift from me: my blue eyeglasses. So you can disguise yourself as a beggar and become a Cosmic Man."

און איך געדענק זייערע אונטערגעהאַקטע ווערטער: מלחמה, וואָגל... נאָר אויב, קלער איך, די זון האָט מיטגעוואָגלט מיט מיר צוזאַמען, איז ניט אַזוי סטראַשנע.

כ'האָב אויך געהערט אין אונדזער כוטער, אַז דאָס לעבן אָדער די צײַט ווערט שוין פֿון לאַנגע צײַטן צעשניטן אין אַזעלכע טיילן וואָס מע רופֿט זיי דאָ: יאָרן. ווערדליק דעם אַ חשבון בין איך צעשניטן געוואָרן אויף גלײַכע פֿינף טיילן. אַז איכ'ל צעשניטן ווערן אויף הונדערט חלקים וועל איך אַלט זײַן פּונקט הונדערט יאָר.

שלמה-לייב איז אַ הויכער, אַ שוואַרץ-פּנימדיקער. זײַנע שוואַרצע אויפֿגעגליטע אויגן האָבן דעם זעלבן קאָליר וואָס די הויט אויף זײַן פּנים. אויך זײַן האָריקע באַוואַקסנקייט איז פֿון אייגענעם קאָליר וואָס די הויט. און שפּאַנען שפּאַנט ער, שלמה-לייב, אין הויכע האַרטע וואָליקעס ביז איבער די קני און סקריפּעט אויס, ניין — ער שפּילט אויס מיט זיי איבער די פֿאַרפֿרוירענע שנייפֿונקען אַ לעבעדיקן שטעג צווישן די כוטערס. איך וואָלט קאָנען אַרײַן אין איין וואָליק זײַנעם און זיך אײַנוואַרעמען.

אַלמאי איך לערן אַלף-בית בײַם שוואַרצן שלמה-לייב און עס לערנט מיך ניט אַלף-בית דער טאַטע, וואָס ער שמט אין דער גאַנצער געגנט פֿאַר אַ גאָטספֿאַרכטיקן מאַן, אַ לערנער און אַ קאָפּמענטש, בין איך שוין געוווּיר געוואָרן די סיבה: דער טאַטע מײַנער איז קראַנק אויף טיפֿוס און אַ שליטן האָט אים צוגערויבט פֿון אונדזער כוטער.

### ג

די הימלישע מטבע אין מײַן פֿינגערנעסט קלעפּלט מיט מײַן האַרץ אונטערן פּעלצל, ווען אויף מאָרגן לויף איך ווידער צו שלמה-לייבן, אַז מײַן רבי זאָל אין מיר אַרײַנטײַטלען די ווונדערלעכע אותיות פֿון אַלף-בית. איצטער שוין, ווי איך שטעל זיך פֿאָר, ניט בלויז יעדער אות באַזונדער, נאָר אות מיט אות צונויפֿגעסיליעט אין ווערטער.

אַ מעת-לעת נאָך אַנאַנד האָב איך מורא פֿונאַנדערצובלאָזן די פֿינגער און צו שפּיגלען זיך אין מײַן הימליש געלט. פֿאַרגינען פֿאַרגין איך ניט מײַנע זינדיקע בליקן הנאה צו האָבן פֿון אַ מלאכס געשאַנק. ווער ווייס פֿון וואַנען ס'קאָן זיך יאַווען די עין-הרע. אַ צווייטע מטבע חעט אַ מלאך אַזוי גיך ניט אַראָפּשענקען. פֿון דעסטוועגן פֿאַררײַס איך יעדער ווײַלע דעם קאָפּ מײַנעם צונעם באַלקן בעתן בייגן זיך איבערן סידור.

— ייִנגעלע, דער סידור איז אונטן — טשוכעט מיך שלמה-לייב.
— איך מיין אַז אויבן — בלײַב איך אים ניט שולדיק.
— וואָסער אויבן, וואָס איז דאָ צו זוכן אויפֿן באַלקן?
— איך זוך דעם שפּעלטל, אינעם באַלקן מוז דאָך זײַן אַ שפּעלטל.
— וואָסער שפּעלטל? ניטאָ אויבן קיין שפּעלטלעך, וואָס קומט דיר אויפֿן זינען?
— אויב ניטאָ קיין שפּעלטל איז דאָ אַ שאלה: ווי אַזוי איז דורכן באַלקן אַראָפּגעפֿאַלן צו מיר די מטבע?

שלמה-לייב ווערט פֿון מײַן שאלה בהלהדיק. זײַן טונקל פּנים דערלאַנגט זיך אַ קײַלעכדיקן קנייטש, ווי דאָס וואַסער אין אונדזער טיפֿן ברונעם, בעת די קייט לאָזט אַרונטער אין אים אַן עמער און צעבוויטעט זײַן שפּיגל.

געשטעלט שלמה-לייבן פֿאַר אַ נסיון, באַקום איך אויף אים רחמנות און פּרוביר אים ראַטעווען:

— איך ווייס אַליין! כ'האָב געזען אין דער זילבערנער מטבע אַ פֿייגעלע, ס'איז אַרײַנגעפֿלויגן דורכן קוימען.

### ד

ווי לאַנג וועל איך האַלטן דעם זילבערנעם סוד אין אַ געפֿענקעניש? אמת, פֿאַר סתּם-אויגן מוז איך אים באַשירעמען, אָבער פֿאַר די אייגענע? כ'וועל זיך אַליין קיין עין-הרע ניט געבן.

דער טאָג איז אויסגעהאַמערט פֿון שניי און שנײַדנדיקער זון, אָבער דער פֿראָסט איז קיניג. אַז מע גיט אַ שפּײַ אין זײַן קיניגרײַך, פֿאַלט אַרונטער אַ שפּליטער אײַז. נאָר איך טו עס ניט, ווײַל אויף די שנייִיקע פּליינען הינטער די כוטערס איז אויסגעשפּרייט אַ גליִענדיקער אַלף-בית, און אַ הויכער, ווינטיקער שלמה-לייב שאַרט אויף אים דאָרטן אַהין און צוריק מיט זײַן דימענטענעם טײַטל.

בלייכע, נאַקעטע, אָן אַ פּיצל העמד אויף די ריפּן, שטייען בײַם פֿאַרפֿרוירענעם אירטיש די בעריאָזע-ביימער. אַנוסטן האָבן דאָ קירגיזן אויפֿגעלייגט אַ שײַטער, זענען די בעריאָזע-ביימער אויפֿ-




*Yonia Fain, illustration to "The Coin from Heaven."*

they called years. According to this accounting, I was sliced into five equal parts. And when I am cut into a hundred parts, I will be exactly a hundred years old.

Shloyme-Leyb is tall, his face is dark. His glowing eyes are the color of the skin on his face. And his hairy growth is the same color too. Shloyme-Leyb walks with wide strides, his stiff, high felt boots come up over his knees and creak, no — he plays a tune with them on the frozen snowtwinkles, a living path between the huts. I could crawl into one of his felt boots and be nice and warm there.

Why is it I learn the *alef-beys* from dark Shloyme-Leyb and not from my papa, known throughout the area as a God-fearing scholar and a wise man? I finally learned the reason: my papa is sick with typhus and a sleigh stole him from our hut.

The heavenly coin in my fingernest beat along with my heart under my fur coat the next day when I run back to my teacher Shloyme-Leyb so he would etch in me the marvelous letters of the *alef-beys*. This time, I think, not just one by one, but letter after letter, strung into words.

For a whole day and night, I was terrified to open my fingers and delight in my heavenly coin. I didn't allow my sinful looks to take pleasure from an angel's gift. Who knows when the evil eye might appear. An angel won't give me another coin so soon. Nevertheless, I lift my head from my *Siddur* every now and then and look at the ceiling.

"My boy, the book is down here," Shloyme-Leyb nudges me.
"But I think it's up there," I tell him innocently.
"How is it up there? What's on the ceiling?"
"I'm looking for the crack. There must be a crack in the ceiling."
"What crack? There's no crack up there. What's going on in your head?"
"If there's no crack, then there's a question: How did the coin fall down to me from the ceiling?"

My question confuses Shloyme-Leyb. His dark face gets all wrinkled up like the water in our deep well when the chain lets the bucket down into it and shakes up its mirror.

Having put Shloyme-Leyb to a hard test, I take pity on him and come to his rescue:

"I know! On the silver coin I saw a bird, it must have flown in through the chimney."

### *IV*

How long will I keep my silvery secret a prisoner? Of course, I have to protect it from ordinary glances. But from my own eyes? I myself won't give me any evil eye.

The day is chiseled in snow and piercing sun but the cold is king. If you spit in his kingdom, a sliver of ice falls down. But I don't because, on the snowy plains behind the huts, a glowing *alef-beys* is scattered and a tall, windy Shloyme-Leyb is shuffling it back and forth with his diamond teacher's pointer.

Pale, nude, not the lightest shirt on their backs, the birch trees shiver in the wind along the frozen Irtysh. One day, the Kirghizes made a bonfire

עלעבט געוואָרן און ס'האָט געשלאָגן פֿון זיי אַ וואַרעמער אָטעם. נצינד איז אויך פֿאַרפֿרוירן דער שײַטער און די בעריאָזע-ביימער גטעמען קוים אין-זיך, ווי די כוואַליעס פֿון אירטיש אונטערן אײַז. אָבער איך, אין באַשליק און פעלצל און דעם זילבערנעם סוד אין דער פֿינגערנעסט, האָב ניט מורא פֿאַרן פֿראָסט און זײַנע בײַטשן.

צווישן די אַ בעריאָזע-ביימער בײַם פֿאַרפֿרוירענעם אירטיש און אָפּגעזונדערט פֿון די כוטערס און מענטשן, וועק איך אויף די מטבע פֿון איר הימלישן דרעמל און אַנטפּלעק זי פֿאַר גאָטס וועלט. אירע קליינע פֿליגל ציטערן פֿון גליק. זיי פֿעכלען און שימערירן אין דער אויסגעהאַמערטער לויטערקייט.

איצטער פֿאַרגנבֿעט זיך אין מיר אַ שאלה אַ גאַר אויסטערלישע, און באַלד אַ צווייטע: וואָס איז דער אונטערשייד פֿון הימליש געלט און ערדיש? און וואָס קאָן איך קויפֿן, בין איך נײַגעריק, אויפֿן מאַרק פֿאַר דער מטבע?

אויף דער צווייטער שאלה האָב איך אַן ענטפֿער גלײַך: פֿאַרן גאַנצן מאַרק וועל איך די מטבע ניט אָפּגעבן.

כ'וועל זי אָפּגעבן בלויז פֿאַר אַ רפֿואה, אַז דער טאַטע זאָל געזונט ווערן.

און איך טו אַ קוש מײַן הימליש געלט און באַהאַלט עס אין קעשענע.

ה

פֿון זינט כ'האָב אַ קוש געטאָן די זילבערנע מטבע, בין איך צעטומלט און צעשראָקן פֿון איר שאַרפֿן צופּנדיקן ריח. גוואַלדינקעס, וווּ האָב איך אַזאַ ריח שוין געשפּירט, בין איך אַ מאָל שוין געווען אין הימל?

עמעץ וויינט אין מיר און די טרערן זענען מײַנע. זיי צעשמעלצן די בעריאָזע-ביימער אויף דער שויב, נאָר די וואָלקנדלעך אויף דער לבֿנה ווייסן פֿון גאָרניט.

וועמען זאָל איך פֿרעגן, וועמען זיך פֿאַרטרויען? דער טאַטע איז ווײַט פֿון דאַנען, ס'האָט אים צוגערויבט פֿון מיר אַ שליטן. די מאַמע איז אויך ניטאָ, איז אים נאָכגעגאַנגען אין שניי נאָך די מעסערדיקע סימנים. זאָל איך פֿרעגן מײַן חבֿרל טשאַנגורי, דעם קירגיז? ער וועט לאַכן פֿון מיר מיט אַ געל געלעכטער, געל ווי די געזאַלצענע פּוטער. ניטאָ קיין ברירה, וועל זיך ניט שעמען און פֿרעגן שלמה-לייבן.

איצטער איז מײַן לערנען גאָר אַנדערש ווי נעכטן און אייערנעכטן. איך פֿאַררײַס ניט מער דעם קאָפּ צום באַלקן, זוך ניט קיין שפּעלטל. זאָל מײַן רבי געדענקען אַז די מטבע איז אַרײַנגעפֿלויגן דורכן קוימען. איך בייג זיך אַלץ נענטער צו אים און צו זײַן טײַטל. נאָר איך הער ניט מער זײַן ברוסטיקע שטים און איך זע ניט מער די אותיות. איצטער לערן איך בלויז מיט דער נאָז, בלויז מיט מײַנע נאָזלעכער.

— וואָס ניוכעסטו? — בעזעמט מיך מיט זײַן שאָטן שלמה-לייב.

— מײַן זילבערנע מטבע... דעם ריח...

— נאַרעלע, ווייסט ניט אַז איך פֿיר פֿונאַנדער איבער די כוטערס קעראָסין? לאָמיר לערנען ווײַטער.

און אַזוי ביזן הײַנטיקן טאָג, צי מיר לערנען יאָ אָדער ניט, איז אויסגעשפּרייט אויף די שנייִקע פֿליינען הינטער די כוטערס אַ גליִענדיקער אַלף-בית און אַ הויכער, ווינטיקער שלמה-לייב שאַרט אויף אים דאָרטן אַהין און צוריק מיט זײַן דימענטענעם טײַטל...

## אַ שוואַרצער מלאך

## מיט אַ שפּילקע אין האַנט

א

מ'האָט אים אַ גאַנץ לעבן גערופֿן ייִנגלעריש און גוט-ברודעריש: משה-איצקע. און די ווייניקע וואָס געדענקען אים, וואָס ער זשיפּעט אין זייער זכּרון, רופֿן אים איצטער אויך אַזוי.

משה-איצקע איז געבוירן געוואָרן, ווײַל ער האָט געוואָלט געבוירן ווערן, אַזוי האָט ער מיר דערציילט. און דערבײַ סודותדיק צוגעגעבן, אַז אַ סטאַדע פֿינצטערע כּוחות האָט ניט געוואָלט דערלאָזן ער זאָל אויפֿלויכטן, אָבער זײַן ווילן איז געווען שטאַרקער און דער געזאַלבטער שרײַבער משה-איצקע איז געבוירן געוואָרן — כּדי צו לעבן אייביק:

— אָט אַזאַ ווי איך בין וועל איך בלײַבן — האָט ער מיך אָפּגעמאָסטן דערונטערדיק און מיט אַ פּנים ווי ס'וואָלט אַרויסגעקוואָלן פֿון אַ צעשפּאָלטענעם שפּיגל — דער טויט האָט צו מיר קיין שייכות ניט. מיר געהערן ביידע צו צוויי באַזונדערע וועלטן. אַ שאָד וואָס אין טויזנט יאָר אַרום וועסטו ניט אַרומשפּאַצירן איבער די גאַסן. דו וואָלטסט מיך דערקענט צווישן המונים. כ'וועל זיך ניט בײַטן ווי עס בײַט זיך ניט אַ שטיין.

ער האָט זיך שימלדיק פֿונאַנדערגעלאַכט און אַ באַנומענער געצויגן ווײַטער:

— אַ שטיין, ווילסטו זאָגן, ווערט באַוואַקסן מיט מאָך? נו, וועט אויף מײַן גרויסער נשמה אָנוואַקסן אַ באָרד; אין אַ שטיין, ווילסטו זאָגן, דרעמלען פֿונקען? אין מײַנע אָדערן זינגען זיי! און ס'איז נאָך ניט געבוירן געוואָרן אַזאַ שלאַקסרעגן מײַנע פֿונקען צו פֿאַרלעשן.

ב

איך האָב שוין יעמאָלט געהאַט די זכיה צו פֿאַרנעמען דאָס געזאַנג פֿון זײַנע פֿונקען. אין די מערסטע שורות האָבן די פֿונקען פֿאַרברענט זײַן געזאַנג. ס'האָבן אָבער אַרויסגעשלאָגן פֿון אים לידער-

there and the birch trees revived, then breathed a warm breath. Now even the bonfire is frozen and the birch trees barely breathe inside themselves, like the waves of the Irtysh under the ice. But I, in my fur coat and with my silvery secret in my fingernest, am not afraid of the cold and its whip.

Along the birch trees at the frozen Irtysh, far from the huts and the people, I awaken the coin from its heavenly sleep and expose it to God's world. Its little wings flutter with joy. They wave and sparkle in the chiseled, translucent splendor.

Now a weird question sneaks into me, followed immediately by another: What is the difference between heavenly money and earthly money? And what can I buy in the market with this coin, I'd like to know.

To the second question, I have an answer right away: I wouldn't give the coin even for the whole market.

I will give it only for medicine to make my papa healthy.

And I give my heavenly money a kiss and hide it in my pocket.

*V*

Ever since I kissed the silver coin, I am disturbed and frightened by its sharp, twitching smell. My God, where have I smelled such an odor? Was I ever in heaven?

Someone is weeping in me and the tears are mine. They melt the frost birch trees off the window panes. But the clouds of the moon know nothing about it.

Whom shall I ask? Whom shall I confide in? Papa is far away, a sleigh took him away from me. Mama isn't here either, she followed him in the sharp ruts in the snow. Should I ask my Kirghiz friend, Tchangouri? He'll laugh at me with his yellow laughter, yellow as salted butter. No choice, I won't be shy, I'll ask Shloyme-Leyb.

Today's lesson isn't like the one yesterday or the day before. I don't lift my head up to the ceiling anymore, don't look for any crack. Let my teacher think the coin flew in through the chimney. I lean closer to him and his pointer. But I no longer hear his deep voice and I no longer see the letters. Now I learn only with my nose, only with my nostrils.

"What are you sniffing?" Shloyme-Leyb sweeps me with his shadow.

"My silver coin . . . the smell . . ."

"Little fool. Don't you know I deliver kerosene to the huts all around? Come on, let's study some more."

To this very day, whether we study or not, a glowing *alef-beys* is scattered over the snowy plains behind the huts and a tall, windy Shloyme-Leyb is shuffling back and forth with his diamond teacher's pointer.

## *A Black Angel with a Pin in His Hand*

*I*

All his life, he was nicknamed Moyshe-Itske. The few in whose memory he is still gasping call him by this boyish nickname to this very day.

Moyshe-Itske was born because he wanted to be born, as he told me. And added mysteriously that a pack of dark forces did not want to let him light up but his will was stronger and the anointed writer Moyshe-Itske was born — to live forever:

"Just as I am I shall remain," he looked me over from head to toe with a face that looked as if it had just now surfaced from a cracked mirror. "Death has nothing to do with me. We belong to two separate worlds. Too bad that, a thousand years from now, you won't stroll in the streets. You would have recognized me in a crowd. I shall not change, as a stone doesn't change."

He burst into a moldy laugh and, as if possessed, he went on:

"You mean a stone gets covered with moss? Well, so a beard will grow on my big soul. According to you, sparks lie dormant in a stone? In my veins, they sing! And the torrent has not yet been born which could put out my sparks."

האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט מיט זײַן אין מיטן-דערינענדיקן גע-
לעכטער.

דעם דאָזיקן עפּיזאָד האָט מיר דערציילט זי, יעטל, ווען כ׳בין געקומען צו זיי צו גאַסט אין אַ זייער הויכן סוף-זומערדיקן טאָג.

בעת יענעם וויזיט איז מײַן זכרון אויך באַרײַכערט געוואָרן מיט אַזעלכע דרײַ געשעענישן:

א. פֿאַר די פּאָר חדשים וואָס כ׳האָב זי ניט געזען איז יעטל אײַנגעצויגן געוואָרן, ווײַל משה-איצקע האָט פֿאַרלאַנגט, אַז איר טאַליע זאָל אַזוי דין ווערן ווי די טאַליע פֿון דער זינגער-מאַשין;

ב. משה-איצקען האָט זיך געחלומט, אַז אַ צאָנדאָקטער האָט אים אַרויסגעריסן אַ באַקצאָן. באַגינען, ווען ער איז אויפֿגעשטאַנען — יעטל איז אַן עדות — האָט אים דער באַקצאָן געפֿעלט אין מויל. איצט וואַרט ער, משה-איצקע, דער דאָקטער זאָל זיך ווידער יאַווען און מאָנען אַז דער פּאַציענט זאָל אים באַצאָלן.

ג. האַמלעט איז געוואָרן אַ לונאַטיקער. אין לבֿנה-נעכט זעט מען באַשײַמפּערלעך ווי אַ זילבערנע האַנט פֿירט אים אויף אַ זילבער-קייטל איבער די געזימסן און קאָסע דעכער פֿון דער שטאָט. שפּעטער קריכט האַמלעט צוריק אין בודע אַרײַן און אויף מאָרגן ווייס ער פֿון ג אָ ר נ י ט.

בעת יענעם וויזיט מײַנעם זענען די ווענט פֿון קאַמער בלוי געווען: אַן אויסגערעגנטער בלויער הימל מיט אַ גילדענעם עק פֿון אַ רעגן-בויגן.

יעטל האָט אַרויפֿגעשטעלט אויפֿן טיש אַ פֿולע שיסל מיט הייסע באָבעס און משה-איצקע האָט פֿונאַנדערגעוויקלט אַן אויסגעשטעפּטע מגילה און געלייענט פֿאַר מיר אַ פֿאַרויסזאָגונג, אַ נבֿואה, אַז דער הונגער וועט זיך אין גיכן ענדיקן: איין מענטש וועט אויפֿעסן דעם אַנדערן.

ווען משה-איצקע האָט געלייענט זײַנע אויסגעשטעפּטע שורות, האָב איך געפֿילט ווי די נאָדל פֿון דער זינגער-מאַשין טאַנצט איבער מײַן רוקנביין.

י

אונדזער לעצטע באַגעגעניש איז געווען אין דער ערשטער נאַכט פֿון געטאָ.

אַ באָרוועסער און בלויז אין צוויטן פֿון אַ העמד, און אַ מגילה אונטערן אָרעם, האָט ער געפֿלאַטערט ווי אַן אָדלער וואָס גוסט פֿליִענדיק, איבער די געליימטע מענטשן-כוואַליעס, וואָס האָבן קוים געעטעמט איבער די געסלעך.

אַ שוואַרצער מלאך מיט אַ שפּילקע אין האַנט, אַן איינציקער און פֿילגעשטאַלטיקער, האָט אַצינד אַרויסגעבלינצלט פֿון די פּירקאַנטיקע הימלען-אָן-שויבן און די צעשפּאָלטענע ביידעמער.

די נאַכט האָט זיך אַרויסגעקײַקלט פֿון דער צײַט און די צײַט איז נעלם געוואָרן.

משה-איצקע האָט אַראָפּגענידערט מיר אַנטקעגן אַ באַלויכטענער פֿון זײַן אייגן בלוט.

— דו מיינסט נאָר אַלץ אַז איינער קען זיך דורכרײַסן?

ער האָט פֿונאַנדערגעוויקלט זײַן מגילה און אָנגעוויזן אויף אַ פּסוק:

— מענטשנקינד, איך האָב זיך שוין דורכגעריסן, איך בין שוין אייביק.

און ער האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט מיט זײַן אין מיטן-דערינענדיקן געלעכטער.

מיטן איינציקן געלעכטער איבער דער ערשטער נאַכט אין געטאָ.

# די פּולווער־בריגאַדע

א

דאָס איז געשען אין דער קאַפּויערדיקער צײַט, ווען אַ היישעריק איז באַפֿאַלן מײַן שטאָט. און דער היישעריק האָט ניט געפֿרעסן און געכראָמסקעט זאַנגען און קרײַטעכצער, נײַערט יונג און אַלט, עופֿעלעך און זקנים. און אַחוץ פֿלייש און געביין איז אים געגאַנגען אין טויט צו צעזעגן מיט זײַנע זעגציינדלעך דעם חלק אין מענטש וואָס מע רופֿט: נשמה.

דאָס איז פֿאַר אים געווען דער געשמאַקסטער חלק.

און יעמאָלט, אין אַן אָנהייב-האַרבסטיקן באַגינען, בין איך געכאַפּט געוואָרן אין מײַן ביידעמל פֿון אַ שליח פֿונעם היישעריק, וואָס ערשט נעכטן איז ער געווען אַ סטודענט אין אַ ווײַס היטעלע, מײַנער אַ שכן, און ער און זײַנס גלײַכן אין דרויסן, האָבן מיך אײַנגעשלאָסן אין אַ שערענגע דורך אַ גאַנצער נאַכט צונויפֿגעכאַפּטע, און מ׳האָט אונדז געטריבן גאַס-אַרויף, גאַס-אַרויף צו די בערג, וואָס הייבן זיך אָן ווו די גאַס ענדיקט זיך.

בײַ די זײַטן האָבן שוין קליאָנביימער אָפּגעשאָטן זייערע געלע לאַטעס.

און דאָרטן ווו די גאַס ענדיקט זיך, איז די שערענגע ווײַטער געטריבן און פֿאַרטריבן געוואָרן צווישן צוויי בערג, ווו איינער גולמט אַנטקעגן אַנדערן.

דער בויך פֿונעם ערשטן באַרג איז געווען אַרומגעגאַרטלט מיט שטעכלדראָט און געקרייצטע אײַזנס. און באַלד האָט זיך אַנטפּלעקט זײַן אינגעווייד: אָקאָפּעס אַרום הייל, פֿעסטונגען און אַמבראַזורן, וואָס דער געוועזענער הערשער האָט צוגעגרייט צו פֿאַרטיידיקן די שטאָט.

די שערענגע איז אַרײַן אין די אָקאָפּעס.

אַן אַנדער שליח פֿונעם אָנצאָליקן היישעריק איז אַרויסגעקראָכן פֿון אַ הייל, אין מויזן-גראָע גאַליפֿע-הויזן, און געהאַלטן אַ קורצע דרשה פֿאַר די צונויפֿגעכאַפּטע: היות מיר האָבן אָנגעצונדן אַ מלחמה

And he burst into his sudden laughter.
The only laughter on the first night of the ghetto.

*1980*

## *The Gunpowder Brigade*

*I*

It happened in the topsy-turvy time, when a plague of locusts covered my city. The locusts did not devour stalks and herbs but young and old, babies and graybeards. And along with flesh and bone, for the death of them, they had to saw up with their sawing teeth that part in man called the soul.

For them this was the tastiest part.

Then, on an early autumn dawn, I was caught in my garret by a messenger of the locusts — just yesterday a student in a white cap, my neighbor — and he and his cronies lined me up in a column of people caught all over throughout the night, and they drove us up street, up street to the mountains that start where the street ends.

On both sides, the maples had already shaken off their yellow patches.

Where the street ends, the column was driven further, chased between two mountains, one staring dumbly at the other.

The belly of the first mountain was circled by barbed wire and crossed irons. Its innards were soon revealed: trenches around caves, fortresses and redoubts, prepared by the former power to defend the city.

The column entered the trenches.

Another messenger of the countless locusts, in mouse-gray pegged pants, climbed out of a cave and made a brief speech to the prisoners: Since we had ignited a war to subjugate the world, we had to pay dearly. The first payment: to carry on our backs and shoulders the gas bombs and stink bombs lying in the belly of this mountain — to the other mountain, opposite.

*II*

The space between the two mountains, at arm's length when they started, now — under the weight of the bombs — lengthened bizarrely, as if the earth were turned into dough and rolled out to the horizon.

ד

איצטער האָב איך געקענט בעסער אַרומבליקן מײַן פֿרײַנד. זײַן שײַכות צו אײַזיק-מאיר דיק האָב איך באַשלאָסן אויסצופֿאָרשן אַן אַנדערש מאָל. (איך האָב געגלייבט אין צײַט). און דערווײַלע האָב איך אָפּגעריסן פֿון מײַן העמד עטלעכע פּאַסן און צוגעטאָן צו זײַנע ווונדן.

אָבער ד״ר האָראַציִ דיק איז געווען אויף מיר ברוגזלעך, וואָס איך ספֿק אין זײַן אייניקלשאַפֿט.

איך האָב אָנגעשפּיצט אַן אויער צו זײַן לשון: דײַטשמעריש, אײַזיק-מאיריש, ווי איך וואָלט הערן לייענען דיקס מעשׂה-ביכל ״חייציקל אַליין״ אָדער ״די מענטשן פֿון דוראַטשישאָק״.

כ׳האָב אים געפֿרעגט אויס נײַגעריקייט צי ער איז אַ הי-געבוירענער, און אויב יע, הלמאַי זײַן ייִדיש איז אַלט-געבאַקן.

זײַן ענטפֿער איז געווען אַ זײַטיקער:

— יאָ, יאָ, אין דיזער שטאָט, קאָלעגאַ, האָט אַפֿילו אַ באָד-גוי גערעדט ייִדיש מיט אַ פּאַרע.

מײַן מיטגייער און מיטגורל׳ניק האָט שוין גערעדט וועגן דער שטאָט אין פֿאַרגאַנגענהייט.

ער האָט אָנגעטאַפּט בײַ דער ליימגרוב אַ זיס בלימל און זיך דערמיט אָטכײַעט.

איך האָב נאָך אַ מאָל באַשלאָסן אויפֿצוהערן מיט מײַן ייִחוס-גריבלעניש. בײַ דער ליימגרוב איז אַלעמענס ייִחוס דער זעלביקער.

ד״ר האָראַציִ דיק איז געוואָרן מיט מיר היימישער. ער האָט געביטן די טעמע. האָט זיך אָנגעלענט אויף אַן עלנבויגן און מיר דערציילט וועגן זײַנער אַן איבערלעבעניש אין שפּיטאָל פֿאַר משוגעים: דער דאָקטער האָט אײַנגעפֿירט אינעם שפּיטאָל אַ סדר, אַז די באַדינער-שאַפֿט זאָל ניט גענומען ווערן פֿון דרויסן, מחוץ די ווענט פֿון שפּיטאָל, נאָר פֿון אינעווייניק, פֿון די צעדריבלטע נשמות. מער נאָך: געווען דאָרטן אַ סכיזאָפֿרעניקער, אַ דאָקטער, וואָס בײַם היילן די משוגעים האָט ער געהיילט זיך אַליין. אויך דער אייבערקוכער איז געווען אַ פּאַציענט פֿון שפּיטאָל.

אין אַ שיינעם טאָג, ווי מ׳איז געוווינט צו זאָגן, איז ד״ר האָראַציִ דיק סתּם אַזוי אַרײַן אין קיך. און דאָ איז הינטער אים די טיר פֿאַרהאַקט געוואָרן. דער אייבערקוכער און זײַנע משרתים האָבן אים געבונדן און דערנאָך האָט דער אייבערקוכער זיך צו אים דערנענטערט מיט צוויי לאַנגע מעסערס:

— איכ׳ל דיר צעשנײַדן און אָפּקאָכן. איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל וועלן מיר האָבן אַ געשמאַקן מיטיק.

זײַן לעבן איז געהאַנגען אויף אַ רגע. נאָר אין דער-אָ רגע האָט ער זיך דערמאָנט, אַז די משוגעת פֿונעם אייבערקוכער באַשטייט אין דעם, אַז אַ גנבֿ האָט אַרויסגעגנבֿעט ס׳גאַנצע זאַלץ פֿון דער שטאָט און אָן זאַלץ האָט ניט קיין טעם ס׳עסן. אײַזיק-מאיר דיקס אייניקל האָט אויסגערופֿן: פּאַניע הענדעלעס — אַזוי האָט געהייסן דער אייבערקוכער — וואָס איז מיט אײַך דער מער, דער מיטיק וועט דאָך זײַן לגמרי אָן זאַלץ, אָן טעם, לאָזט מיך פֿרײַ, וועל איך ברענגען אַ פֿולן הויפֿן זאַלץ.

און אַזוי איז ד״ר האָראַציִ דיק יעמאָלט געראַטעוועט געוואָרן.

זײַן אויספֿיר: בלויז מיטן געבן גערעכט אַ משוגענעם, איז דאָ אַ שאַנס צו אַנטרינען פֿון זײַנע מעסערס.

ה

ווידער האָט זיך געיאַוועט בײַ דער ליימגרוב דער שליח פֿונעם היישעריק: די אָפּרוצײַט איז געענדיקט. אַצינד באַדאַרפֿן מיר לויטן זעלביקן סדר — צוריקטראָגן די באָמבעס אויפֿן אָרט ווו מיר האָבן זיי גענומען: הינטער די דראָטגעצוימען אַנטקעגן איבער.

און דאָ האָט פּלוצעם לײַכט ווי אַ פֿויגל זיך אַ הייב געטאָן ד״ר האָראַציִ דיק און כ׳האָב געזען און געהערט זײַן פֿײַערדיקע דרשה פֿאַרן שליח פֿון היישעריק: היות ווי מיר, די צונויפֿגעכאַפּטע, האָבן וועדליק די רייד פֿון יענעם אָנגעצונדן אַ מלחמה צו אונטערטעניקן די וועלט, און דערווײַלע איז נאָך ניט קלאָר ווער די מלחמה וועט געווינען, דעריבער קען אים טײַער קאָסטן אויב ער וועט זיך איבער אונדז איזדיעקעווען — —

כאָטש דער דאָקטער איז ניט ענלעך געווען צום קליינעם דוד, און דער שליח פֿון היישעריק — צום געפּאַנצערטן גלית, דאָך האָבן די מענטשן פֿון דער פּולווער-בריגאַדע מיטגעשפּילט אינעם ספּעקטאַקל אויף לעבן און טויט.

אויך די וואָס האָבן געדרעמלט אין ליימגרוב מיט פּורפּלנעם טריוואַקס אויף די שטערנס, האָבן אָנגעשפּיצט זייערע אומלעבעדיקע אויערן.

אויך די גאַזבאָמבעס און שטינקבאָמבעס, אַזוי האָט זיך געדאַכט, ווערן אַ צד אין אומגלײַכן פֿאַרמעסט.

אַז ד״ר האָראַציִ דיק האָט געענדיקט זײַן דרשה, איז דער שליח פֿון היישעריק שוואַרץ און דין געוואָרן ווי אַן איבערגעברענטע שוועבעלע.

— איר זײַט פֿרײַ — האָט ער צו אונדז אַ מאַך געטאָן. און ער איז נעלם געוואָרן, ס׳איז ניט געבליבן פֿון אים קיין דעך.

נאָר למען האמת און למען הגעשיכטע, האָבן מיר יעמאָלט ניט געקענט פֿרײַ זײַן, ווײַל די ריינע אָנהייב-האַרבסטיקע לופֿט איז געהאַנגען אויף אַ תּליה.

1985

*IV*

Now I could observe my friend better. I decided to put off researching his relation to Isaac-Meyer Dick to another time. (I believed in time.) Meantime, I tore strips off my shirt and applied them to his wounds.

But Dr. Horatio Dick was a little sore at me for doubting his status of grandson.

I pricked up my ears to hear his language: it had a German twist like Isaac-Meyer's, as if I were reading Dick's story "Chaytsikl Alone" or "The People of Duratshishok."

Out of curiosity, I asked him if he was a native here and, if so, why his Yiddish was so old-fashioned.

He answered obliquely: "Ja, ja, in dieser Stadt, colleague, even a bath-house goy spoke Yiddish to the steam."

My partner in marching and in fate already spoke of this city in the past tense.

At the clay pit, he groped for a sweet flower and was revived.

I decided again to stop my pedigree searching. At the clay pit, everybody's pedigree is the same.

Dr. Horatio Dick became more intimate with me. He changed the subject. He leaned on his elbow and told me about an experience he'd had in the lunatic asylum: Dr. Dick ordered that the service staff was not to be drawn from outside the hospital but from inside, from the crumbled souls. Furthermore, there was a schizophrenic, a doctor, who healed himself through healing the lunatics. The head chef was also a patient in the hospital.

One fine day, as we say, Dr. Horatio Dick went into the kitchen for no good reason. Suddenly the door was shut behind him. The head chef and his aides tied him up and the head chef approached him with two long knives:

"I'll cut you up and cook you. At least once for old time's sake, we shall have a tasty dinner."

His life hung on a second. But in that second, Dr. Dick remembered that the craziness of the head chef was that a thief had stolen all the salt of the city and without salt, food had no taste. Isaac-Meyer's grandson called out: "Mr. Handeles"—the chef's name—"what are you talking about? The dinner will be entirely without salt, without taste, let me go and I'll bring a handful of salt."

This is how Dr. Horatio Dick was saved on that occasion.

His conclusion: only if you accept a lunatic's reason do you have a chance to escape his knives.

*V*

The messenger of the locusts reappeared at the clay pit: recess is over. Now, in the same order, we must carry the bombs back to where we got them, behind the barbed wire fences on the opposite mountain.

Then, suddenly, light as a bird, Dr. Horatio Dick arose and I saw and heard his fiery sermon to the messenger of the locusts: Since we prisoners ignited a war to subjugate the world, as he himself had said, and it is not yet clear who will win the war, it may cost him dearly if he torments us — —

The doctor was not little David and the messenger of the locusts was no armored Goliath, but the members of the gunpowder brigade went along with this life-and-death spectacle.

Even those who were dozing in the clay pit with purple sealing wax on their foreheads pricked up their dead ears.

Even the gas bombs and stink bombs seemed to choose sides in this unequal duel.

When Dr. Horatio Dick ended his sermon, the messenger of the locusts turned black and thin like a burned-out match.

"You are free," he brushed us aside with his arm. And he disappeared, leaving no trace.

But as a matter of fact and as a matter of history, we couldn't be free then because the clean, early autumn air was hanging on a gallows.

*1985*

Translated Benjamin & Barbara Harshav